STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04555

KRITIK UN KRITIKER

M. Notovich

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד" № 11

בײַלאַגע צום זשורנאַל נומ. 11, 1983

מוישע נאָטאָוויטש

קריטיק און קריטיקער

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" • מאָסקווע • 1983

אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע
פון ארן ווערגעליס

מוישע נאָטאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין 1912 אין בערדיטשעוו. פארענדיקט דעם ליטעראַרישן פאקולטעט פונעם יידישן אָפּטייל פון אָדעסער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט. אין 1938 פארטיידיקט אין מאָסקווער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט אף וו. אי. לעבינס נאָמען א דיסערטאציע וועגן י.־י. לינעצקין, פאר וועלכער עס איז אים צוגעטיילט געוואָרן דער טיטל קאנ־דידאט פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן. געלייענט לעקציעס אין דער מאָסקווער יידישער טעאטראַלער שול. די לעצטע צוויי צענדליק יאָר פון זײַן לעבן געארבעט אינעם קאזאנער פּעדא־גאָגישן אינסטיטוט. אָנהייבנדיק פון יאָר 1932, פארעפנטלעכט ארטיקלען און רעצענזיעס וועגן סאָוועטישע שרײַבער און זייערע ווערק. זיך געדרוקט אין די צײַטונגען „דער עמעס", „אייניקײַט", אין ליטעראַרישע זשורנאלן און זאמלונגען. אין א באזונדערער אויסגאבע איז דערשינען אין 1939 זײַן דיסער־טאציע וועגן י.־י. לינעצקין. אין די יאָרן 1961 — 1967 אָפּגע־דרוקט א ריי ליטעראַריש־קריטישע ארטיקלען אין „סאָוועטיש היימלאנד". געשטאָרבן אין 1968.

אינהאלט

אין שעפערישן אומרו 3
מייער ווינער — דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור־קענער 21
דאָס געוויסן פון אונדזער קריטיק 40
יאשע בראָנשטיין 53

אין שעפערישן אומרו

אין איינקלאנג מיט אונדזער צײַט

מײַן ערשטער לערער פון ייִדישער ליטעראטור אין אָדעסער פעדאגאָגישן אינסטיטוט א ראָזנצווײַג (א. ר. צווײַג), אליין א מענטש מיט וויסן און טאלאנט, איז געווען א הייסער פארערער פון ליטוואקאָוון, כאָטש ניט איין מאָל פלעגט ער זיך ארײַנלאָזן מיט אים אין א וויקוח.

אין זײַנע לעקציעס פלעגט ער ניט נאָר פארופן זיך אף ליטוואקאָוון, ער פלעגט זיך לאָזן פירן פון זײַנע געדאנקען באם באטראכטן שרײַבער און ווערק.

„דער ניסטער איז איינער פון די טיפסטע דערשײַנונגען אין אונדזער נײַער ליטעראטור", — אזוי פלעגט, לעמאָשל, א. ר. צווײַג אָנהייבן א לעקציע מיט ליטוואקאָווס ווערטער און זיך אוועקלאָזן אין די טיפעניש פונעם ניסטערס שאפן. ס'איז געווען סאָף צוואנציקער יאָרן. ליטוואקאָווס טאלאנט האָט זיך געפונען אין סאמע בלי, און דער אינטערעס צו זײַן וואָרט מיצאד דעם ייִדישן לייענער, שרײַבער און געלערנטן איז געווען גרויס און ניט נאָר אין יענע יאָרן. געדאנקען-שעפע, וואָס איז גינסטיק נאָך הײַנט פאר אונדז, איז פאראן דער געדאנק פון געדאנקען: די ליטעראטור דארף זײַן ענג פארבונדן מיטן לעבן. נאָך אין די צוואנציקער יאָרן האָט ליטוואקאָוו געשריבן:

„מיר פֿאָדערן פֿון די שרײַבער און פֿון זייערע ווערק אַן אַקטיווע באַציִונג צום לעבן, וואָס ווערט געשאַפֿן אַרום. בא אונדז דאַרף די ליטעראַטור זײַן אַ מיטאַרבעטערן און מיטקעמפֿערן"...

און נאָך:

„וואָס איז די אויפֿגאַבע פֿון אַ ליטעראַריש ווערק? ס'זאָל באַפֿליגלען, ס'זאָל וועקן, ס'זאָל הייבן, ס'זאָל רירן — ס'זאָל באַהערשן אַלע אײַערע כּושים". אַ קריגערישער און אומבעשאָלעמדיקער מאַטעריִאַליסט, דערקלערט ער: „אין געביט פֿון אידעאָלאָגיע פֿירן מיר ניט קיין פּאָליטיק פֿון צוזאַמענשלוס" (מײַן קורסיוו. — מ. נ.). זייער כאַראַקטעריסטיש איז דער נאָמען פֿון זײַנע צוויי קלאַסישע ביכער: „אין אומרו". עמעס, צווישן ערשטן און צווייטן בוך איז, ווי ליטוואַקאָוו פֿלעגט אַליין ליב האָבן זיך אויסדריקן, „פּאָלג מיך אַ גאַנג". אין ערשטן בוך גייען אַרײַן אַרטיקלען, געשריבענע זינט 1906 ביז אָנהייב 1918, אינעם צווייטן בוך — אַרטיקלען פֿון 1918 ביז 1926. פֿאַר דער צײַט זײַנען פֿאָרגעקומען וועלט-היסטאָרישע געשעענישן און אויך גרויסע ענדערונגען אין ליטוואַקאָווס אייגענעם לעבן: איך האָב „געהאַט דאָס גליק און די ערע, — האָט ער געשריבן אינעם פֿאָרוואָרט צום צווייטן באַנד „אין אומרו", — צו ווערן אַ מיטגליד און טוער פֿון דער רוסלענדישער (איצט אַלפֿאַר'באַנדישער) קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס)".

דער נאָמען „אין אומרו" איז געווען פֿאַר ליטוואַקאָוון סימבאָליש. גײַסט-אומרו איז געווען דער איקער-שטריך פֿון זײַן כאַראַקטער. די אַרטיקלען האָט ער געשריבן אין היץ און אין אומרו פֿון שלאַכטן, אין שפּעריִשן אומרו, וואָס האַלט די ליטעראַטור אין אַן אויפֿגערעגטן צושטאַנד, דערלאָזט ניט, זי זאָל פֿאַרקילט ווערן, זיך שטויסן אָף אין אָרט אָדער אידיליש שטראָמען אָפּן באַלעבאַטישן „מאַכעטײסע"-שטייגער: „דער שרײַבער שרײַבט זיך, דער לייענער לייענט זיך, דער קריטיקער קריטיקירט זיך".. ווי פֿרעמד איז אים געווען יענער מין קריטיק, וועלכע פֿאַרנעמט זיך מיט גוטמוטיקן טיילן האַסקאָמעס שרײַבער און ווערק, און פֿון צײַט צו צײַט מיט „לײַטישן" מוסער-זאָגן. ער האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז „קינסטלער' טאָר מען אין פֿאַראַנטוואָרטלעכע עפּאָכעס אַליין ניט לאָזן".

לויט זאַלמען רייזענען איז ליטוואַקאָוו דער „אידעאָלאָג און טעאָרעטיקער פֿון דער אָקטיאַבריזירונג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין

ראטנפארבאנד". אין „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראטור" שרייבט רייזען וועגן ליטוואקאָוון: „אליין ארויסגעוואקסן פון דער יידישער טראַדיציאָנעלער סוויווע, האָט ער מיט אקשאָנעס אין האס פון אן אסקעטיש(?)-רעוואָליוציאָנערן טעמפעראמענט באקעמפט די פארגליווערטע קנעסעס-יישׂראל-אידעאָלאָגיע, דעם העברעיסטישן און אסימיליאטאָרישן מאסקיליזם, דעם קליינבירגערלעכן ציוניזם, דעם ניט גענוג ראדיקאלן אויטאָנאָמיזם"...

אז ליטוואקאָוו האָט אויך און דעריקער באקעמפט די יידישיסטישע ליטעראטור-קריטיק — דאָס האָט ז. רייזען פארשוויגן. ס'האָט זיך אים דאָ אפּאָנעם ניט געוואָלט אָפּנעמען די בכוירע בא ש. ניגערן...

ליטוואקאָווס שאפן רעדט אן און פאר זיך. איינס פון זיינע ערשטע מארקסיסטישע ארטיקלען פון 1918 „א. ווייטער" האָט ניט צופעליק ארויסגערופן א גאַנצן-שטורעם אין דער אויסלענדישער יידישיסטישער פרעסע. א. ווייטערס פארדינסט באשטייט, לויט ליטוואקאָווס מיינונג, דערין, וואָס ער האָט דער ערשטער אופגעכאפּט דאָס נייע אין דער יידישער ליטעראטור און קונסט. „ווען ש. ניגער, — שרייבט ליטוואקאָוו, — האָט אָנגעהויבן פון א רעוואָליוציאָנער-פובליציסטישן רעזאָניאָר פארוואנדלט צו ווערן אין א ליטערעריש-קריטישן כאקרען, האָט ער ווייטערס „פּארטאַג" באגעגנט מיט א מיסנאגדישן „מאי קא משמע לן"[1]. פאקטיש האָט ווייטער גויווער געווען ניגערן".

ליטוואקאָוו, קאָן מען זאָגן, איז געגאנגען ווייטער פון ווייטערן — ער האָט גויווער געווען ניט בלויז ניגערן, נאָר דעם גאַנצן גאנג פון דער בירגערלעך-עסטעטישער קריטיק. דעם קינסטלערישן ליטוואקאָוונוסעך אין דער קריטיק איז פרעמד דער באלעבעסלדיקער קאָרעקט-אקאדעמישער טאָן, די פוסטע מעליצע פון דער יידישיסטישער ליטעראטור-ליבהאָבעריי, די באטלאָנישע ליטעראטור-כקירע, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט סינע צו יעטווידער אידיי פון קלאסנקאמף. אף די אייביקע ציעניסטיש-באלעבעסלדיקע טיינעס צו די, וואָס היטן „פרעמדע וויינגערטנער" און „פארשווערן די לאגע פון דער נאציאָנאלער ליטעראטור" מיט קלוימערשט „געליענע" פון דער פרעמד אידעאָלאָגיעס, האָט ליטוואקאָוו געענטפערט נאָך אין יאָר 1924:

[1] מיי קא מאשמע לאָן (וואָס זשע לאָזט עס מיך צו הערן?).

„יאָ, מיר האָבן גענומען אונדזערע אידעאָלאָגיעס „פון דער פרעמד", מיר האָבן זיך געלערנט בא מארקסן און ענגעלסן, בא פּלעכאַנאָוון און לענינען און פירן דורך זייערע געדאנקען און פּאָדערונגען אין אלע געביטן פון יידישן לעבן און שאפן, אויך בענעגייע דער ליטעראטור".

נאָך דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע איז ליטוואַקאָוו געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן שטעלן די גרונט-פראגן פון דער סאָוועטישער ליטעראטור און מארקסיסטישער ליטעראטור-פאָרשונג. נאָך אָנהייב 1923 טרעט ער ארויס אינעם זשורנאל «Печать и революция» קעגן וואָראָנסקיס פעלערן. ער שפּירט נאָך נאָכן ליטעראַרישן לעבן ניט נאָר אין דער יידישער סוויווע. ער שרייבט אין יידיש און אין רוסיש, קעמפט פאר א נייער פּראָלעטאַרישער ליטעראטור, שטיצט אירע שעפער, שאצט אָפּ זייערע ווערק.

„צוטרעטנדיק צום מארקסיסטיש-קריטישן אנאליז פון יעדן קינסטלערישן ווערק, — האָט ער געשריבן, — שטעל איך שטענדיק פאר מיין ערשטער אויפגאבע איבערצוזעצן דאָס ווערק פון דער קונסט-שפּראַך אויף דער שפראך פון סאָציאָלאָגיע, צו געפינען דעם געזעלשאפטלעכן עקוויוואַלענט פונעם ווערק. אָבער איך געדענק שטענדיק, אז דערמיט לייז איך נאָר איין טייל פון דער אויפגאבע, אז דער צווייטער אקט — אויפדעקן און פעסטשטעלן די „קינסטלערישע מייַלעס", דעם קינסטלערישן ווערט פונעם געגעבענעם ווערק — איז א ניט ווייניקער וויכטיקער פאר דער מארקסיסטישער קריטיק". דער סינטעז באם אנאליזירן דעם געזעלשאפטלעכן עקוויוואַלענט און די קינסטלערישע מייַלעס — דאָס איז איינע פון די שטארקסטע מעטאָדאָלאָגישע שטריכן פון ליטוואַקאָווס קריטיק. אָט דער סינטעז האָט אים פארהיט סיי פון פאָרמאליזם, סיי פון וואולגארער סאָציאָלאָגיע.

אין דער ליטעראטור האָט ער געלעבט מיט שלאכטן. דאָס זיינען געווען שלאכטן פאר א פעסטן אידייִשן גאנג אין אונדזער ליטעראטור, פאר מארקסיסטישער מעטאָדאָלאָגיע אין דער ליטעראטור-קריטיק, הייסע דיסקוסיע-שטרייטן. עמעס, ניט אָן דיסקוסיע-שוים און איבעריקע ביי-הויצאָעס.

בא א צווייטן קריטיקער האָט ער מיט דער גרעסטער ליידנשאפט געפּרוּווט אמאָל באוויזן, ווי דער מעטאָדאָלאָגישער „פּלאָנטער פּלאָנטערט זיך", נאָר ווי דאָס זאָל ניט אויסזען פּאַראַדאָקסאַל, — אָפט האָט

דער „פלאָנטער“ גענומען זײַן אָנהייב... טאקע פון ליטוואקאָווס אײַניקע ניט ריכטיקע האנאָכעס.

א רײַ פראַט-פעלערן האָט ער מיט דער צײַט אליין אנערקענט. קאָנצענטרירנדיק די אויפמערקזאמקײַט אף א באשטימטער זײַט פון א באהאנדלטער פראגע, פלעגט ער אמאָל פארשווײַגן אנדערע וויכטיקע זײַטן אירע; אפט געגעבן קאטעגאָרישע פאָרמולירונגען, וואָס האָבן געקאָנט אויסגעטײַטשט ווערן ווי „אבסאָליוטן“, האגאם זיי זײַנען אראָפּגענומען געוואָרן אין די ווײַטערדיקע פּעריאָדן; געווען בא אים אויך פראזעאָלאָגישע „רודימענטן“, וואָס האָבן ארײַנגעבראכט אין טאָעס.

דאָס אלץ איז ריכטיק. ניט דאָס אָבער געהערט צום טאָך פון זײַן וועלט-אָנשויונג. ווײַל וועגן זײַן וועלט-אָנשויונג קאָן מען זאָגן דאָס זעלבע, וואָס ניקאָלײַ טיכאָנאָוו האָט דאָ ניט לאנג אזוי טרעפלעך געזאָגט וועגן דער וועלט-אָנשויונג פון א פּאָעט: „זי איז זײַן אינערלעכע זון“.

ליטוואקאָוו איז געווען א פּאָעט אין זײַן קריטיק, און זײַן וועלט-אָנשויונג איז די „אינערלעכע זון“, וואָס האָט באלויכטן דעם געשיכטלעכן וועג פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור.

„אפן ראנד פון אָנהייב“

ס׳איז א שיין בלעטל אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור — די פרײַנטלעכע פּאָלעמיק, וואָס מ. ליטוואקאָוו פירט מיט ה. לייוויקן אינעם אָנהייב-פּעריאָד פון אונדזער ליטעראטור-אנטוויקלונג, אָדער, לויט לייוויקס אויסדרוק, „אפן ראנד פון אָנהייב“.

אין 1925 איז לייוויק אראָפּגעקומען פון אמעריקע קיין מאָסקווע. פאר לייוויקן איז מאָסקווע געווען סײַ א דערמאָנונג אין ווײַסע פארשנייטע סיבירער וועגן, אף וועלכע ס׳זײַנען פארבליבן „בלוט-טראָפּנס העלע און ריינע“, סײַ אן „אָקטיאבערדיק-זומערדיק לאנד“ מיט „ווײַסע בליונגען“:

בלי, אָקטיאבער, שיט מיט ווײַסע בליונגען איבער אלעמענס אקסלען, איבער די ברעמען פון אלעמענס אויגן,

און אויך איבער מײַנע!
לייוויק האָט זיך געצויגן צו באַהעפטונג מיט דער באַנײַטער וועלט.

עפּעס הייב איך אָן פאַרשטיין אזוינס,
וואָס פריִער האָב איך ניט פאַרשטאַנען...

און עפּעס האָבן אים נאָך געגאַגט ספּייקעס. אָט וואָס ער האָט דעמלט געשריבן אין „אפן ראַנד פון אָנהייב":

„ליטעראַרישעס.

גוטער, ווילער איזי כאַריק, ליבער פּאָעט פון „מינסקער בלאָטעס". אף זײַנע נאַיווע, נאָך ייִנגלשע פּלייצעס נעמט מען און מע לייגט אַרוף אַזאַ גרויסע, אַזאַ שרעקלעכע מאַסע: אַן אָנהייב פון אַ ליטעראַטור.

פּערעצן דאַרף מען ניט.

שאָלעם-אַלייכעמען אויך שוין ניט.

אַשן אוואַדע ניט.

די וואַרשעווער — אָפּגעמעקט.

די ניו-יאָרקער — אָפּגעשניטן.

די ייִדישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד דאַרף זיך אָנהייבן פון 1923 אָן ערעך.

אַן אייגענע ליטעראַטור, אַ נײַע.

אַ פּראָלעטאַרישע.

דעם פריִערדיקן „כלאַם" דאַרף מען ניט האָבן, אָפּטרייסלען זיך פון אים.

יערושע-שימל.

אַ ווײַסע זילבערנע לעוואָנע הענגט איבערן הימל פון דער נײַער ייִדישער פּאָעזיע אין ראַטן-רוסלאַנד.

אַ ווינטערדיקער הימל, קאַלט".

עס זעט אויס אַזוי, פּונקט ווי לייוויק וואָלט מיט דער לאַפּידאַרישער פאָרם און ספּעציפישער לעקסיק („דעם פריִערדיקן „כלאַם"... „יערושע-שימל"...) פון זײַן „ליטעראַרישעס" געפּרוּווט סטיליזירן פאַר אונדז אַ מין „ליטעראַרישן מאַניפעסט", פון די פוטוריסטן, לעמאַשל, וואָס האָבן געהאַט געשריבן: „פּושקינען, דאָסטאָיעווסקין, טאָלסטאָיען און אנד. און אנד. — דאַרף מען אַראָפּוואַרפן פון דער הײַנטצײַטיקײַט-שיף...";

פּונקט ווי ליוויק וואָלט אָט דעם ניהיליזם, אָט די ביטל־באַציִונג צו דער ירושה פון דער פאַרגאַנגענהייט צוגעשריבן אויך דער נייער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

נאָר צי איז טאַקע אַזאַ אונדזער באַציִונג צו דער ליטעראַרישער ירושה? דערויף האָט ליוויקן פרייַנטלעך געענטפערט מוישע ליטוואַקאָוו:

„מיר אין ראַטנפאַרבאַנד באַציִען זיך ניט מיט ביטל צו אונדזער ליטעראַרישער ירושה. קאָמוניסטן באַציִען זיך איבערהויפּט ניט מיט ביטל צו קולטור־ווערטן. צוגיין צו אַ קולטור־ירושה מיט אַ מאַרקסיסטישן אַנאַליז און אויפדעקן איר סאָציאַלע אָפּשטאַמונג און באַטייַט הייסט ניט אָפּלייקענען זי, נאָר אַדרעבאַ פאַרפעסטיקן פאַר איר אַ באַשטימט אָרט אינעם קולטור־באַוווסטזיין פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. אַזוי האַנדלען אויך מיר, יידישע קאָמוניסטן, לעגאַבע געיאַרשנטע יידישע קולטור־ווערטן".

באַשטרייַטנדיק ליוויקן, פּרוווט אָבער צומאָל ליטוואַקאָוו אַרונטערוואַרפן די ירושה פון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור אונטער אַזאַ קריטישער אָפּשאַצונג, אַז עס קאָן זיך דוכטן, אַז ליוויק האָט אָנגעטאַפּט אַווירקלעכן פאַקט.

געווען בא ליטוואַקאָוון, בא זייַן גאַנצער אַכטונג צו אונדזער ליטעראַרישער ירושה, אָפט צופיל אָפּלייקענערישער פּאַטאָס, איבעריקער ריגאָריזם. דאָס האָט זייַנע סיבעס. די יידישע ליטעראַטור האָט געדאַרפט ווערן אַ סאָוועטישע. זי האָט געדאַרפט שאַפן נייַס סיי אין אינהאַלט, סיי אין פאָרם. זי האָט געדאַרפט געפינען איר אייגענלעכן צעניטער. האָט ליטוואַקאָוו געוואָרנט, מע זאָל איבעריקס זיך ניט לאָזן „פאַרפלייצט ווערן פון דער ירושה פון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור". דערבייַ האָט ער פאָרשטאַנען: „עס וועט נאָך קומען אַ צייַט, ווען די נייַע ליטעראַטור וועט האָבן דורכגעפירט איר פּיאָנערישע אַרבעט, דאַן וועט זי קאָנען האָבן אַ מער רויִקע און פּרוכטבאַרע שייַכעס צו דער ליטעראַרישער ירושה".

און ווי דאַרף זייַן אונדזער באַציִונג צו דער יידישער ליטעראַטור פון אויסלאַנד? טאַקע אַזוי — „די וואַרשעווער אָפּגעמעקט; די ניו־יאָרקער — אָפּגעשניטן"?

ליטוואַקאָוו האָט דער ערשטער אין אונדזער קריטיק פאַרשאַרפט די פראַגע וועגן דער קלאַסן־דינאַמיק אין דער יידישער ליטעראַטור,

דער ערשטער דערקלערט: די ייִדישע ליטעראַטור איז ניט קיין ליטע־ראַטור פון קיין איינהייטלעכן שטראָם.

אינעם שטרײַט „מיר און אויסלאַנד" איז ליטוואַקאָוו, ווי אַלע אונדזערע סאָוועטישע שרײַבער, פרעמד געווען „סנאָביזם" (אַזוי האָט לייוויק באַצייכנט דאָס קלוימערשטע קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף דער ייִדישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד). ליטוואַקאָוו האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָרפן אַלץ מיטאַנאַנדער אין איין בינטל. צווישן די „ניו־יאָרקער" זײַנען געווען אויך אונדזערע פרײַנט, פּראָגרעסיווע שרײַבער, וואָס האָבן פאַרבונדן זייער ליטעראַרישן גורל מיט דער קאָמוניסטישער „פרײַ־הײַט". און „די קאָמוניסטישע באַוועגונג, — האָט געשריבן ליטוואַקאָוו, — ברענגט מיט זיך אויך גאָר נײַע, אומבאַגרענעצטע מעגלעכקײַטן פאַר קונסט־שאַפונג".

נאָר צווישן די „ניו־יאָרקער" זײַנען געווען אָפּגאַנג־שרײַבער, וואָס האָבן פאַרבונדן זייער „שיקזאַל" מיטן גאָלן „פּאָרוועטס". עס האָבן ניט געקאָנט אויסרעכענען אויף אונדזער אנערקענונג יענע שרײַבער, וואָס האָבן זיך געפּרוּווט פאַרפעסטיקן אין „שוצגראַבנס פון הוילער עסטעטיק", פאַרוואַנדלענדיק זיך אין אַ „קאַסטע", אין אַ „באַגרענעצטן פּאַך". דעם ייִדישן סאָוועטישן שרײַבער איז אָרגאַניש פרעמד געווען סײַ זייער ווערסיפיקאַטאָרישע „יווועליר־אַרבעט", סײַ זייער אינדיווידואַליסטישע „איך" גריבלערײַ.

דאָס זעלבע וועגן די „וואַרשעווער". ליטוואַקאָוו האָט געהערט, ווי „דאָס אונטערערדישע קנאַלן פון דער קינפטיקער רעוואָלוציע אין פּוילן דערגייט אָפּט דורך געשלענגלטע וועגן אויך צו דער ייִדישער ליטעראַ־טור". זײַן אויפמערקזאַמקײַט האָבן צוגעצויגן יענע שרײַבער, וואָס האָבן זיך געווענדט צום „דעק" פון דער געזעלשאַפט, ווי, לעמאַשל, אויזער וואַרשאַווסקי („שמוגליאַרעס"), א. מ. פוקס („אונטערן בריק") אאַוו. נאָר אין פּוילן איז שוין געשטאַנען „אַ טשאַד פון ייִדישיסטישן בוימל", פון „באַטלאָניש־ראָמאַנטישן מיסטיציזם" און „באַלעבאַטישער צערטלערײַ". דאָס דאָזיקע אין די „וואַרשעווער" האָט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַ־טור אַוודאי באַקעמפט, ווײַל שוין „אַפן ראַנד פון אָנהייב" איז זי געווען אַ ליטעראַטור פון גאָר אַ נײַעם שניט.

מיר זאַמלען נאָך ציגל צו ציגל, אַ שטיין צו אַ שטיין," — האָט געשריבן ליטוואַקאָוו, — מיר מאַכן נאָך „פּראָסטע טריט". מוז די לי־

טעראַטור שאַפן און אָפּוואַרפן, זיך גרופירן און איבערגרופירן זיך. פון דעם שטאַנדפּונקט קאָנען מיר פאַר זיך נאָך ניט זאָגן, אַז מיר האָבן שוין אַ ליטעראַטור. אָבער פאַר אײַך, כ׳ לייוויק, פאַרן יידישן אויסלאַנד, האָבן מיר שוין אַ סאַך, זייער אַ סאַך. מיט אַזעלכע דיכטער, ווי ליפּע רעזניק און איציק פעפער, ווי פינינבערג און קושניראָוו, ווי האַלקין און כאַריק, אָדער פון אַן אַנדער פלאַסט, ווי ראַבין, טייף און כאַים לעווין (ניט איבערכענענדיק די אַנדערע), מיט אַזעלכע עקספּערימענטירנדיקע בעלעטריסטן, ווי גאָדינער און מייעראָוויטש... קאָנען מיר שוין לעגאַבע אויסלאַנד אַרויסטרעטן און זיי דעמאָנסטרירן".

כאָטש „ניט איבערכענענדיק די אַנדערע", דערונטער אַפילע גרונטלייגער פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, ברענגט ליטוואַקאָוו אַ פילפאַרביק צעטל נעמען, — פאַרשטייער פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע דוירעס און פון פאַרשיידענע פלאַסטן, — אַף וועלכן ער האָט אַמבעסטן געקאָנט באַווײַזן די ליטעראַטור, „וואָס אָריענטירט זיך צום ערשטן מאָל אַקטיוו אַף יעדן טראָט פון לעבעדיקן לעבן".

צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן דאָס, וואָס ליטוואַקאָוו האָט בא אַן אַנדער געלעגנהײַט שוין געזאָגט וועגן אונדזער ערשטן דאָר אָקטיאַבער-דיכטער:

„אָשער שוואַרצמאַן און קוויטקאָ, האָפשטיין און מאַרקיש, — דאָס זײַנען אַלץ קינדער פון דער אופגערודערטער מאַסע, פון נײַע שיכטן, וועלכע פאַרמאָגן גאָר אַ נײַע און אייגענע שפּראַך, נײַע און גאָר אייגענע אויסדרוק-מיטלען... וועגן אַזאַ שעפע קלאַנגען, אַזאַ פאַרבן-שפּיל, אַזאַ שלאַל ריטמען, וועגן אַזאַ רײַכער אינסטרומענטירונג, ווי בא ניסטערן, אָשער שוואַרצמאַנען, קוויטקאָן, האָפשטיינען און מאַרקישן, האָבן מיר, אָקאָרשט האַלטנדיק בא דאָוויד איינהאָרנס „שטילע געזאַנגען", אַפילע ניט געטרוימט".

לייוויק האָט געהאַט אַ שוואַכקײַט צו „פּראָסטיקער ווײַסקײַט"... „די טעג פון מײַן לעבן — מײַנע ווינטערס", „שנייען, מײַנע לידער"... עפשער דערפאַר האָט ער אויך דערזען איבערן „ראַנד פון אָנהייב" פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור אַ „ווינטערדיקן הימל". נאָר ליטוואַקאָוו האָט אים געוואָלט פאַרהיטן פון אַ טאָעס... איבעם וועטער. איבערן „ראַנד פון אָנהייב" איז געהאַנגען ניט קיין „ווינטערדיקער הימל" — עס האָבן זיך געטראָגן „פרילינגדיקע שטראָמען"...

ווּהין שטראָמט דער שטראָם?

„שטראָם" איז געווען דער נאָמען פֿונעם ליטעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל, וואָס האָט דער ערשטער אָנגעהויבן זאַמלען די קרייכעס פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

ביז הײַנט האָט זיך פֿאַרגעדענקט: זײַן הילע — פֿינף גראַפֿיק־אויסיִעס פֿון מאַרק שאַגאַלן, ווו דער שײַן אין געשטאַלט פֿון אַ באַלאַגאַן־מענטשעלע שטײַגט אין דער הייך צו פּורימשפּילערישע פֿענצטערלעך: אַשער שוואַרצמאַנס ווערטער אַלס מאָטאָ צום זשורנאַל: „נאָר אונטער פֿעלדזן, הער איך, רינט און ריזלט פֿריש אַ שטראָם"...

אָבער ווי נאָר ער האָט אַרויסגעשלאָגן פֿון „אונטער פֿעלדזן", האָט דער שטראָם ניט געשטראָמט מיט קיין גלײַכן וועג. אַנדערש גערעדט, דער פּראָצעס פֿון אידייִש־קינסטלערישער זעלבסטבאַשטימונג פֿון די שרײַבער, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „שטראָם", איז געווען אַ גאַנץ קאָמפּליצירטער. ווען די רעוואָליוציע האָט אָפּגעשטורעמט מיט אירע פֿײַערן און בליצן און ס'זײַנען אָנגעקומען די ערשטע טעג פֿון בויונגס־אינדערוואָכן, האָבן זיך באַוויזן געמיטער פֿונעם „זיידנס ירושע". פֿון „אָקטיאַבער"־עקסטאַז קומט האָפּשטיין צו דער „ליד פֿון מײַן גלײַכגילט". נאָך רעוואָליוציאָנערע ברויז־לידער פֿאַלט קושניראָוו אַרײַן אין „האָזקאָרע"־עלעגיע. מע האָט געדאַרפֿט זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן: באַטײַט דער זשורנאַל „שטראָם" אַן ערעוו פֿון רעוואָליוציאָנערן אופֿברויז אין אונדזער ליטעראַטור אָדער אַן איסרעכאַג פֿון אַ געוועזענעם אופֿשטײַג?

אָט די פֿראַגע איז אַנטשטאַנען פֿאַר מ. ליטוואַקאָוון נאָכן ערשטן נומער. דעם ענטפֿער אויף איר האָט ער געזוכט אין די ווײַטערדיקע נומערן.

און ווײַטער האָט זיך אַרויסגעוויזן: אין „שטראָם" צאַפּלט דער „נײַ־גײַסט". דער זשורנאַל האָט אָפּט דורכפֿאַלן, נאָר דאָס נעמט זיך פֿון זײַנע זוכענישן. אַלנפֿאַלס, איז שוין דער „שטראָם" געגאַנגען פֿאָרויס, און ניט אויף צוריק. „ווּהין שטראָמט דער „שטראָם"? — האָט ליטוואַקאָוו געפֿרעגט און אַליין געענטפֿערט: „ווּהין ער וויל יאָ — איז שווער צו זאָגן, דערפֿאַר איז קלאָר, ווּהין ער וויל ניט. ער וויל ניט צוריק, ער זוכט וועגן, ווי צו אַנטלויפֿן פֿונעם אַלטוואַרג, פֿונעם אַלטן באַרג שיי־

מעס. ניט שטענדיק גיט זיך אים איַין דער ווּנטש — אָבער דער שטרעבן איז פאראן".

סאַרא כילעק איז שוין דעמלט געווען צווישן דעם מאָסקווער יידישן ליטעראַריש-קינסטלערישן זשורנאַל „שטראָם" און דער בערלינער יידישער ליטעראַריש-קינסטלערישער צײַטשריפט „מילגרוים", ווו ס'האָט געהערשט זעלבסטצופרידענע באַלעבעסלדיקײַט, יידישלעכער שעמענזאַיס און אומבאַגרענעצטע באַנאַלישקײַט, איבער וועלכער ליטוואַקאָוו איראָניזירט אַזוי, שפּאַסנדיק פון דער „סימבאָלישער" הילע פונעם פּראָפעסאָר ע. בעם: „אײַנמיטן א מילגרוים, וואָס פון איין זײַט, שטייט בא אים א טײַבעלע (און עפשער א נאַכטיגאַל?) און פּיקט זײַנע טאַריאַג[1]-קערלעך (די יידישע נאַציע, וועלכע איז געגליכן צו א טויב, געניסט פון די טאַריאַג-מיצוועס), און פון דער צווייטער זײַט, שטייט אף אים א נאַכטיגאַל (און עפשער א טויב?) און האַלט אין מויל א שאָלעם-בלעטל (מיר זײַנען דאָך אַלע פון איין פאָלק, — פאַרוואָס זאָלן מיר פעלשן איינער אײנעם צווייטן?)...

וואָס ווײַטער, אַלץ מער האָט זיך אויסגעקלאָרט די צילגעווענדטקײַט פונעם „שטראָם", — ניט בלויז זײַן „וווּהין ער וויל ניט", נאָר אויך זײַן „וווּהין ער וויל יאָ". דער זשורנאַל איז לויט ליטוואַקאָווס טרעפלעכן אויסדרוק געווען א מין „עוואַקויר-פונקט פאַר שרײַבערישער אידעאָלאָגישער זעלבסטבאַשטימונג". ווען די „עוואַקויר-צײַט" האָט זיך פאַר דער נײַער ליטעראַטור פאַרענדיקט, האָט פאַרענדיקט זײַן עקזיסטענץ דער „שטראָם". דעמלט זײַנען אופגעקומען נײַע טריבונעס מיט בוילעטערע אידעאָלאָגיש-קינסטלערישע פיזיאָנאָמיעס — „אָקטיאַבער" און „נײַערד".

מ. ליטוואַקאָוו האָט פאָרגעזעצט נאָכפאָרשן דעם אַנטוויקלונגס-וועג פון דער ליטעראַטור. די פראַגע „וווּהין שטראָמט דער שטראָם?" ווערט ניט אַראָפגענומען — איצט האַנדלט זיך שוין וועגן א שטראָם פון א פאַרצווײַגטער ליטעראַטור.

ער שטעלט פעסט די געזעצמעסיקײַט אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור אַלס באַשטאַנדטייל פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור, — זי איז פאַרבונדן מיט די געשיכטלעכע אַנטוויקלונגס-עטאַפּן פונעם לאַנד. נאָר דער ליטעראַטור-פּראָצעס גייט לויט דער „ליניע פון דיפערענצירונג". אַנטפּלעקט זיך אין פאַר-

[1] טאַריאַג (תרי"ג) באַטײַט די צאָל 613.

שיידענע וואריאַציעס, אין וועלכע ס'איז צו זען ניט בלויז די פירנדיקע טענדענצן, נאָר אויך די „אַמפּליטודע פון וואַקלונגען".

מיר וועלן דערמאָנען, אַז עס גייט דאָ א רייד וועגן די צוואַנציקער יאָרן. אין יענע יאָרן, וואָס זיינען פאַר פיל שפּעטער געווען א פּרוּווסטיין פון אידיישער זעלבסטבאַשטימונג, האָט ליטוואַקאָוו געצייכנט די „ליניע פון דיפערענצירונג". דאָס איז געווען זייער וויכטיק. ס'האָט נישט בלויז ניט געלאָזט ניוועלירן אין די אויגן פונעם לייענער דאָס אַלגעמיינע בילד פון דער ליטעראַטור, נאָר אויך אָריענטירט דעם שרייבער, געצוווּנגען אים זיך ערנסט פאַרטראַכטן אויף זיין שעפערישן גאַנג, געוואָרנט פון געפאַרן, אַנגעוויזן וועגן. ליטוואַקאָווס קריטיק האָט געדינט אַלס מעכטיקע שטויס-קראַפט פאַר בערגעלסאָנס אידייִש-קינסטלערישער איבעראָריענטירונג — פון אימפּרעסיאָניזם צו רעאַליזם, פאַר דעם ניסטערס נייע קינסטלערישע אַנטפּלעקונגען — פון סימבאָליזם צו רעאַליסטישער מאָלערײַ. דעם יונגן דאַניעלן האָט ליטוואַקאָוו מיטגעהאָלפן זיך באַפרייען פון דער „פילניאַקישער טיראַנישער אופוירקונג", גאָדינערן — זיך אָפּרייניקן פון די „אָפּטע לאַנגווייליק שווערע וואָרט-פאַרקריפּלונגען", קומען צו אויסגעלייטערטן סטיל, „באַהעפט מיט קלאָרער אידעאָלאָגיע".

אינעם באַוווּסטזיין פון אייניקע שרייבער האָט נאָך דעמלט געלעבט די פאָרשטעלונג, אַז דער נייער אינהאַלט קאָן זיך אַנטפּלעקן אין יעטווידער פאָרם. ליטוואַקאָוו האָט אופגעקלערט: „נייער אינהאַלט אין קונסט פאָדערט אומבאַדינגט נייע פאָרם". די נייע פאָרם אין אונדזער ליטעראַטור איז „געבוירן געוואָרן, ווי א צווילינג-קינד, אָרגאַניש באַהעפט מיט א נייעם אינהאַלט". פאָרמאַליזם איז א „בראַכיקע זאַך". בלויזע פאָרם באַטייט, אַז „דער קינסטלער פילט באַוווּסטזיניק אָדער אומבאַוווּסטזיניק אינסטינקטיווע שרעק פאַר יעדן אינהאַלט, אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר אָן אויסגעליידיקטן „איך", אַז ער ציט זיין יעניקע פון סאָציאַל-פאַרמישפּעטע גרופּן".

אין דער ערשטער העלפט צוואַנציקער יאָרן דערזעט ליטוואַקאָוו דעם אָנהייב פון אן „איבערבראָך-מאָמענט" אין אונדזער ליטעראַטור. א. קושניראָוו פאַרעפנטלעכט נאָך „האַזקאָרע" דאָס ווערק „קינדער פון איין פאָלק", וואָס איז פול מיט „שטראָמענדיקער פרייד", מיט „אימפּעט פון אַקטיאַבער". אין כאַריקס „מינסקער בלאָטעס" שפּירט ליטוואַקאָוו, „ווי א גרויסע רעוואָליוציע קוואַליפיצירט און פאַרטיפט אָרגאַנישע עלעמענטן

אין א נאַציאָנאַלער ליטעראַטור", איציק פעפערן שיקט ער א „כאַוועריִשן גרוס" פארן אָנהייב פון א נײַעם טאָן, פאר די „פּראָסטע און וואַרעמע רייד", פארן „פרישן גאַנג אף שווערן וועג". דערבײַ, האָט ער באַטאָנט, „קומט איציק פעפער אין דער ליטעראַטור ניט ארויס פון זיך אַליין" — אָשער שוואַרצמאַן, לייב קוויטקאָ און פּערעץ מאַרקיש האָבן צוגעגרייט פאר אים דעם באָדן.

אין דער צווייטער העלפט צוואַנציקער יאָרן קומט פאָר א גרויסער אופבלי אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. די פּראָזע נעמט שפּילן א פירנדיקע ראָליע. ליטוואַקאָוו רופט צו „פארברייטערן די טעמאַטיק", אָפּשפּיגלען „די פּראָצעסן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג" — דאָס „רינגעלע", פאר וועלכן מיר דאַרפן זיך אָנכאַפּן, קעדיי צו גיין ווײַטער.

ער באַקעמפט די טרויעריק באַרימטע „טעאָריע פון דיסטאַנץ", די טעמפּע כקירעס וועגן דעם, אז דעם קינסטלער גיט זיך ניט אײַן גלײַך צו שילדערן די בויונגס-פּראָצעסן, ווײַל זיי האָבן זיך ניט „אָפּגעזעצט, ניט אָפּגעשטעלט, ניט אויסגעקריסטאַליזירט". ער ווײַזט, ווי אָט די „עסטעטיק" ווערט אָפּגעלייקנט דורך די שרײַבער גופא. אַלבערטאָן „גייט אין טראָט מיט דער רעוואָליוציע", אין אַרלאַנדס „הרעבליעס" פילט זיך דער „אָטעם פון בויונג", עליע גאָרדאָן באַווײַזט זיך מיט זײַן „אינטערעסאַנט ווערק „ווילדגראָז", מיט פויערשער טעמאַטיק „געגעבן אין א פּראָלעטאַרישער אופפאַסונג". פּערעץ מאַרקיש גלידערט זיך אײַן „אין רעוואָליוציאָנערן קאָנקרעט" און הייבט אָן אַנצילעווען זײַן „ברויזנדיקן טאַלאַנט צו געבן גרויסע רעוואָליוציאָנערע לײַוונטן"...

זייער באַלערעוודיק, באַזונדערס אין שײַן פון די פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ליטעראַטור, איז זײַן באַציונג צו דער ליטעראַרישער יוגנט.

ליטוואַקאָוו האָט איינער פון יד ערשטע דערפילט דעם נײַעם צאַפּל פונעם ליטעראַרישן יונגוואַלד, וואָס איז דורשטיק, זוכעריש, דרייסט. אונדזערע איצטיקע שוין באַיאָרטע שרײַבער יויסעף ראַבין און כאָנע ווײַנערמאַן קאָנען אויסלייענען בא ליטוואַקאָוון וועגן זייער יוגנט פאָלגנדיקס: „אָט איז, לעמאָשל, דער יונגער זעצער ראַבין, וועלכער האָט אָנגעהויבן מיט „שטראָם"-שווערמוט און מיט יעדן טאָג אָטעמט ער פרײַ און פריש אָפּ, ארויסווײַזנדיק אַלץ מער סימאָנים פון אן עכטן שרײַבער". „אָט איז ווײַנערמאַן, א פרישער „אַרבעטער-פויערישער" יוגנט-דיכטער, וואָס

דערווײַל „פּעפּערט“ ער און „כאַריקט“, נאָך, אָבער שוין מיט אייגענע פּערספּעקטיוון“...

אין מוישע טייפֿס ליד „זאָל אומעט פֿאַר עמעצן שפּינען פֿון קרעפּ און פֿון זאַנגען אַ קראַנץ, — פֿאַר מיר איז מײַן לאַנד אַ באַגינען און ברייט, ווי אַ דאָרפֿישער טאַנץ“ — הערט ליטוואַקאָוו אַ „יונג און מונטער“ געזאַנג.

עכטן יוגנט־ברויז האָט ליטוואַקאָוו געקאָנט אָפּטיילן פֿון ליטעראַרישע „קונדייסים־שטיק“, ווען רייץ פֿון יוירונג ווערט פֿאַרביטן אויף אייבערגעטריבענעם דראַנג צו אויסערלעכקײַט, אויף אַ „נעטיע באַלד צו מאַכן פֿון אַלץ אַ קלישע“. „ווילט זיך מיר דעם יונגוואַלד ווינטשן און... וואָרענען: — האָט געשריבן ליטוואַקאָוו, — היט אײַך, כעווריע, פֿאַר קלישע! זעצט ווײַטער פֿאָר אומבאַצווונגען אײַער שפּילעוודיקע יוגנט־שאַפֿונג! פֿאַרהיט אײַער קאָמוניסטישע פֿרישקײַט, אָבער פֿאַרפֿעסטיקט און דערגאַנצט זי דורך טעאָרעטישן שטודירן דעם לעניניזם“.

שטעלנדיק די פֿראַגע וועגן דער שעפֿערישער צוזאַמענאַרבעט פֿון די „עלטערע“ און „יונגע“, שרײַבט ליטוואַקאָוו: „און וויל זי (די „עלטערע“ ליטעראַטור. — מ. נ.) האָבן אַ ווירדיקן יוירעש און פֿאָרזעצער, דאַרף זי אַרבעטן איבער דער אייגענער אינטעלעקטועלער קולטור — אין דער ערשטער ריי און פֿריער פֿאַר אַלץ איבער דער אייגענער מאַרקסיסטישלענינישער דערציִונג“. די דאָזיקע ווערטער רופֿן זיך איבער מיט איינער פֿון די פּאַרטיייִשע גרונט־אײַנשטעלונגען אין ליטעראַטור־געביט אויפֿן איצטיקן עטאַפּ פֿון אידעאָלאָגישער אַרבעט.

די קלאַסישע מעסוירע

ליטוואַקאָוו האָט געהאַט אַ באַזונדערן כוש פֿאַר דעם נײַעם אין דער געשיכטע פֿון אונדזער ליטעראַטור. „די נײַע מעסוירע: מענדעלע מוכער־ספֿאָרים, שאָלעם־אַלייכעם, י.־ל. פּערעץ“ — אַזוי הייסן זײַנע ליטעראַריש־קריטישע פֿראַגמענטן, וועלכע ער שרײַבט אין די יאָרן 1910—1917. „אַ נײַער אָנהייב“ — אונטער אַזאַ נאָמען פֿאַרעפֿנטלעכט ער מיט פֿופֿציק יאָר צוריק זײַן אַרטיקל וועגן אַ. ווײַטער, ש. אַש, ד. בערגעלסאָנען און ד. קאַסעלן.

אַט די אַרטיקלען שטעלן מיט זיך פאָר דעם ערעוו פון דער מאַרק־סיסטישער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק.

ליטוואַקאָוו איז ניט געווען קיין ליטעראַטור־פאָרשער, ער איז געווען א צו אומרויִקע נאַטור פאַר ליטעראַרישער אַנאַטאָמיע. נאָר מערקווירדיק, ווי ער האָט געקענט די ליטעראַטור, אירע שרײַבער און ווערק. ווי „לײַכט" און באַהאַוונט מאַכט ער זײַנע שפּאַציר־גענג אין די טיפע לאַבירינטן פון קינסטלערישן שאַפן, אַנגעהויבן פון זײַנע פאַרבאַרגענע ווענן און געענדיקט מיט זײַנע ברייטע מאַגיסטראַלן.

וואָס זשע האָט ליטוואַקאָוו אַנטדעקט אין דער מעסירע פון אונדזערע קלאַסיקער?

מענדעלע איז ניט אַראָפּגעפאַלן פון הימל. ער איז דער „געניאַלער מעסאַדער און ליטעראַריש־קינסטלערישער סאַכאַקל־מאַכער" פון א פאַרגאַנגענער ליטעראַרישער עפּאָכע און אַן „אויסגאַנג־פּונקט פאַר א נײַער אַנטוויקלונג". אָט דער טעזיס איז געוואָרן איינער פון די גרונט־טעזיסן אין דער ווײַטערדיקער מאַרקסיסטישער מענדעלע־פאָרשונג, שטויסנדיק צו באַטראַכטן מענדעלעס שאַפן אין שײַן פון ליטעראַרישע טראַדיציעס.

אַן אויסגאַנג־פּונקט פאַר א נײַער אַנטוויקלונג זײַנען אין מענדעלעס שאַפן געוואָרן די סינטעטישע פאַראַלגעמיינערונגען, וואָס דערהייבן זיך צו עכט־קינסטלערישע סאָציאַלע קאַטעגאָריעס, דער ברייטער פאַרנעם פון רעאַליזם, די שילדערונג פון אויסגעשטאַנענעם לעבנסשטייגער און פון דער פאָלקסמאַסע — מענדעלעס הויפּט־פּערסאָנאַזש, אין וועלכן ער האָט „געכאַפּט זײַן פאַרבאָרגענעם ציטער, אונטערגעהערט זײַן צאַר און האָט דערפילט זײַן באַגרענעצטקײַט".

צו די אויצרעס פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן האָט די קריטיק ניט מיטאַמאָל געפונען דעם שליסל. ליטוואַקאָוו איז אויך ניט געווען קיין אויסנאַם, קאָלזמאַן ער האָט זיך געהאַלטן באַם טעזיס, אַז „שאָלעם־אַלייכעם איז א געוויינישער טאַלאַנט אָן א געוויינישער אידיי". נאָר ווער עס האָט בײַ ליטוואַקאָוון ניט געקאָנט נעמען דאָס פּאַראַדאָקסאַלע וועגן שאָלעם־אַלייכעמען, האָט דאָך ניט געקאָנט אָפּזאָגן זיך פון יענע כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס ליטוואַקאָוו גיט נאָך אין זײַן יוגנט־פּעריאָד דעם גרויסן פאָלקס־שרײַבער, כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס פירן אין דער טיף, אין דער ווײַטער טיף פון דער מערקווירדיקער שאָלעם־אַלייכעם־דערשײַנונג, „ווען ליטעראַטור ווערט דירעקט מעגולגל אין לעבן" און בלײַבט דאָך — „לי־

טעראַטור, און גרויסע ליטעראַטור".

„די גרונט-שטריכן פון שאָלעם-אַלייכעמס דיכטונג זײַנען טרוימערײַ און סקעפּסיס, וואָס פון זייער אייגנאַרטיקער באַהעפטונג קומט אַרויס די לירישע איראָניע, דער ליריש-ייִדישער הומאָר. די טרוימערײַ גיט צו דעם סקעפּסיס אַ האָפענונגספולן כאַראַקטער, זי לאָזט אָפּן די טיר פאַר דעם אייבּיקן: „טאָמער יאָ?" דער סקעפּסיס פירט אַראָפּ דעם „אָפּן הימל אַ יאַריד" אויף דער ערד און פאַרוואַנדלט דאָס מאַמאָשעסדיקע לעבן אַליין אין אַ טרוים, אין אַ פראַגעצייכן. אָט דאָס כאָלעמען, וואָס באַפּליגלט מיט האָפענונגען דעם צווייפל, אָט דער צווייפל, וואָס איז גרייט צו לייקענען בייסמײַסע אין די כאַלוימעס, גיבן אין זייער זיווּג די טיפסטע איינפאַכקײַט, דאָס עלעמענטאַרע, וואָס ווערט אָפּט גאוניש".

גלייבט מען דען נאָך אַזאַ כאַראַקטעריסטיק אין דעם, אַז שאָלעם-אַלייכעם איז אַ „גאוינישער טאַלאַנט אָן אַ גאוינישער אידיי"?

דאָס אַרטיקל וועגן י.-ל. פּערעצן האָט ליטוואַקאָוו געשריבן מיט גרויס קאַוואָנע. ער זעט פּערעצן אַ פאַרגאַפטן באַם אַלטן ביכער-שראַנק פון דער פּילדוירעסדיקער נאַציאָנאַלער קולטור. אָבער ניט דאָס שטילע געוויש פון הייליקע שיימעס, נאָר דער רוישיקער שטראָם פון פאָלקס-שעפערישקײַט דערטראָגט זיך צו זײַן שאַרפן געהער, און ער פילט דעם לעבעדיקן ציטער פון די מאַסן.

כאַראַקטעריסטיש, וואָס ליטוואַקאָוו באַטאָנט דעמלט גראָד די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין פּערעצעס שאַפן: זײַנע „טיפע און באַצויבערנדיקע פּרוּוון צו געפינען דעם סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישן סאָד פון אונדזער היסטאָרישער „גאָלדענער קייט", די „קעלער-דראַמעס" און „קעלער-קאָנפליקטן", וואָס זײַנען אויסגעדריקט אין אַ „שיינער און טיפער פאָרם", זײַן „סאָציאַלן פּאַטאָס", וואָס פירט „צו די קוואַלן פונעם דעמאָקראַטישן פאָלקס-ראָמאַנטיזם מיט זײַנע סאָציאַלע באַפרײַונגס-מאָטיוון", זײַן אומגעהייערן באַטײַט אַלס „אָנזאָגער פון דער נײַער נאַציאָנאַלער וועלטלעכער קולטור". דאָס, וואָס מע קאָן אין פּערעצעס ווערק געפינען „די טיפסטע פאַראַלגעמיינערונג פון אונדזער נאַציאָנאַל-היסטאָרישער דערפאַרונג" און אין דער זעלבער צײַט „קיינמאָל זיך ניט דערפילן איזאָלירט און אָפּגעטיילט פונעם אַלמענטשלעכן קוואַל", — אין דער דאָזיקער „קינסטלערישער און קולטורעלער צוויי-איינִיקײַט", האָט ליטוואַקאָוו געהאַלטן, „ליגט פּערעצעס צויבער-קראַפט".

ליטוואקאָווס אַרטיקלען וועגן אונדזער קלאַסיק זײַנען געוואָרן אַ מין טראַמפּלין פֿאַר ווײַטערדיקע פֿאָנאַנדערבעטונגען. אינעם שאַפֿן פֿון נ. שטיף, מ. עריק, מ. ווינער, י. דאָברושין, א. גורשטיין, י. נוסינאָוו, ג. אויסלענדער ווערן אַנטוויקלט אַ סך אַרויסזאָגונגען און טעזיסן ליטוואקאָווס, לעמאָשל: וועגן „אינווייניקסטן ריטם" און „הויכן גאַנג" פֿון דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור, וועגן איר פּאָעזיע און פּראָזע, דיאַלאָגן, מוסער-זאָגן און אַנקלאָגן, מיסטישע לעגענדעס און נאַיווע כּקירעס, אָריענטאַלישן עמונע-גאַנג, דורך וועלכן סרײַסן זיך דורך וועלטלעכע מאָטיוון וועגן מענדעלעס אינהאַלט און סטיל, ווו עס באַהעפֿט זיך אײַגנאַרטיק „דאָן-קיכאָטערײַ" מיט „סאַנטשאָ-פּאַנסערײַ", נאַיוויקײַט און פּיקכעס, פּאַרגלײַ-ווערטקײַט און פֿאַרבאָרגענער ציטער וועגן שאָלעם-אַלייכעמס טרוימערײַ און סקעפּסיס, וועגן זײַן לירישן הומאָר, קינסטלערישע אַנטדעקונגען אאַז"וו.

אונדזער קריטיק האָט גענומען בײַ ליטוואקאָוון אַ סך, אויסער די פּאַראַדאָקסן. אַף איינעם פֿון זיי — אַז „שאָלעם-אַלייכעם איז אַ געניִשער טאַלאַנט אָן אַ געניִשער אידיי" — האָבן מיר שוין אָנגעוויזן. אין יאָרן אַרום האָט ליטוואקאָוו צוליב עפּעס אַ מיספֿאַרשטייעניש ווידער איבערגעכאַזערט, אַז שאָלעם-אַלייכעם „האָט אידעאָלאָגיש אין ערגעץ ניט געפֿירט. שאָלעם-אַלייכעם פֿלעגט באַקומען זײַן אידעאָלאָגישן טיקן שוין פֿונעם לעזער".

אינעם אַרטיקל „ירושע און העגעמאָניע" פֿון יאָר 1926 שטעלט ליטוואקאָוו פֿעסט דעם ווערטפֿולן סאָציאָלאָגישן עקוויוואַלענט פֿון מאָריס ווינטשעווסקיס, עדעלשטאַטס און באָווּשאָווערס דיכטונג און טוט פּלוצעם אַ זאָג, אַז זי איז „גיכער אַ געמאַכטע, איידער אַן אָרגאַנישע דיכטונג".

שפּעטער האָט ער אַנערקענט, אַז דער אויסדרוק איז ניט קיין ריכטיקער. אָבער אומזיסט האָט ער געפּרוּווט אײַנזען אינעם פּראָטעסט קעגן אָט דעם אויסדרוק אַ „לינקן קנייטש"... ס'איז געגאַנגען אין גורל פֿון דער רעוואָלוציאָנערער מעסוירע אין אונדזער דיכטונג. ניין, ניט קיין געמאַכטע, נאָר אַן אָרגאַנישע, נאַטירלעכע און זייער אינטערעסאַנטע — אַ שיינער רינג אין דער „גאָלדענער קייט" פֿון אונדזער ירושע!

מע קאָן אָנווײַזן נאָך אַף אַ רײ פּאַראַדאָקסן בײַ ליטוואקאָוון, וואָס דערמאָנען אָן די שוואַכקײַטן און קאַפּריזן פֿון זײַן נאַטור, וואָס פֿלעגט אָפּט מיטאַמאָל יוגנטלעך אויפֿלאַמען, און אין אַזעלכע מינוטן האָט

ער שוין געקאָנט א זאָג טאָן עפּעס אזוינס, וואָס איז ניט פריי פון רוגזע, ריזיקע, פון גוזמעס און עקסטרעמקייטן...

פון זיין אַרטיקל „י.-ל. פּערעץ", וואָס איז געשריבן געוואָרן צו פּערעצעס צענטן יאָרצייט, אין מאַרט 1925, קאָן מען זיך ניט אָפּרייסן באַם לייענען, נאָר ס'איז שווער מאַסקים צו זיין מיט דער קאָנצעפּציע. לויטן סטיל איז דאָס איינס פון זיינע שענסטע אַרטיקלען. נאָר צוגלייך מיט די גלענצנדע סינטעטישע פאַראַלגעמיינערונגען, אַפּאָריסטישער אָפּגעשליפנקייט, טרעפן מיר דאָ אויך ליטוואַקאָווס פּאַראַדאָקסן.

דער נייער לייענער פאַרשטייט, שרייבט ליטוואַקאָוו, אז „אָן פּע-רעצן דאַרף מען זיך ניט באַגיין, אָבער אין דער זעלבער צייט פילט ער, אז אָן פּערעצן קאָן ער זיך באַגיין"...

מיר לייענען און שטוינען: איז פּערעצעס איינפלוס טאַקע בעעמעס „אזוי גיך און אזוי אומבאַמערקט צעפלאָסן געוואָרן, ניט איבערלאָזנ-דיק נאָך זיך קיין באַשטימטן אָפּזאַץ ניט פאַרן נייעם שרייבער און ניט פאַרן נייעם לעזער"? איז ער פאַרבליבן אין דער ליטעראַטור בלויז „ווי א בליק-דערינערונג"? איז ער טאַקע ניט מער, ווי „א זייכער פון דעם, אז „אַמאָל איז געווען א מיילעך"?.. ניין, פאַרשטייט זיך! מעג מען דען פּערעצן אזוי אָפּגעבן דער געשיכטע?..

„פּערעץ איז א האַרבע פּראָבלעם אין אונדזער ליטעראַטור". א האַרבע פּראָבלעם איז פּערעץ געווען ניט אזוי פאַר דער ליטעראַטור, ווי פאַר ליטוואַקאָוון, וואָס האָט איבער א סכעמע זיך ניט געקאָנט דערקלייבן צום „אויב ניט נאָך העכער" פון פּערעצעס שאַפן... ווייל אין דער סכעמע האָט ער געפּרוּווט צונויפפּאָרן זיין גרויסן יראַס-האַקאָוועד צו פּערעצן מיט איינגעאַקשנטער אינערלעכער נעטיע פון אים זיך „אָפּשטויסן". נאָר ווי ער זאָל דאָ ניט וועלן זיך אָפּשטויסן פון פּערעצן, פילן מיר גראָד זיין נאָענטקייט צו אים.

עפּשער דערפאַר, לייענענדיק זיין באַרימט אַרטיקל וועגן פּער'עצן, דוכט זיך מיר אַלץ, אז דאָס וויכטיקסטע, וואָס ליטוואַקאָוו האָט גע-זאָגט וועגן פּערעצן, קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן אים אַליין:

„א סטיל-לערער, אן אידייען-שרייבער, אן אינטעלעקט, א פּער-זענלעכקייט, א פאַרקערפּערטער גייסט-אומרו, — אָט ווּעמען מיר ערן שטענדיק".

מייער ווינער — דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור-קענער

1

מייער ווינערן האָב איך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט אין 1935, זײַענדיק אַן אַספּיראַנט בײַ דער קאַטעדרע פֿון ייִדישער ליטעראַטור, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפֿירט אינעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אויפֿן נאָמען פֿון וו. אי. לענין.

ביז דעמאָלט האָב איך אים געקענט בלויז פֿון זײַנע אַרבעטן. מער פֿון אַלץ האָט איבעראַשט אין זיי די ערודיציע פֿונעם אַוטאָר. ער האָט פֿאַרמאָגט פֿילזײַטיקע בילדונג, געווען אַן אויסגעצייכנטער קענער פֿון געשיכטע און פֿילאָסאָפֿיע, פֿון שפּראַכן און ליטעראַטורן, מאָלערײַ און פֿאָלקלאָר. ער האָט געקאָנט אונטערפֿירן פֿאַראַלגעמיינערנדיקע סאַכאַקלען פֿון ליטעראַטור-דערשײַנונגען פֿאַר יאָרהונדערטער, זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן גרינטלעך אין דער קינסטלערישער שאַפֿונג פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער, אין וועלט-עפּאָס, פּראָזע און פּאָעזיע, אין פֿאַרשיידענע זשאַנרען פֿון דער פֿאָלקס-שאַפֿונג. קעדיי אָנזאַמלען אַזויפֿיל וויסן, האָט זיך געדוכט, פֿאָדערט זיך, כּוח גרויסע פֿעיִקייטן, אַ גרויס לעבן.

נאָר ווינער האָט, בײַ דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים, זיך אַרויסגעוויזן אַ סך ייִנגער, ווי כ׳האָב זיך געקאָנט פֿאָרשטעלן. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 42 יאָר און איז אַוודאי ניט ענלעך געווען אויף יענעם גרייז-גראָוון געלערנטן, וועלכן איך האָב זיך אויסגעמאָלט, נאָך מיט אַ סך יוגנטלעכע שטריכן, אָבער קיין סימן פֿון צעכראַסטעטקײַט, שטאַרק צונויפֿגעזאַמלט, שטרענג. עפּעס פֿולוואָגיקס האָט זיך געפֿילט אין זײַן גאַנצן וועזן: פֿולוואָגיקייט פֿון אינטעלעקט, וואָס

האָט זיך איבערגעגעבן אין די קערפּערלעכע שטריכן, אין די רייד, אינעם שמייכל אפילו.

ווינער האָט שוין דאן געקאָנט אונטערפירן א סאכאקל פון אן אייגנארטיק דורכגעגאנגענעם פעריאָד. ערגעץ אף די יוגנט־וועגן זיינען פארבליבן — פריער דער באזעלער און נאָכדעם דער ציריכער אוניווערסיטעט, ווו ער האָט דערפאָלגרייך פארענדיקט דעם פילאָסאָפישן פאַקולטעט; געווען זיינען לידער, וועלכע ער האָט געשריבן אין דייטש, א ריי ארבעטן וועגן דער געשיכטע פון דער העברעישער און דייטשישער ליטעראטור, דערשינענע אין עסטרייך און אין דייטשלאנד אין די יאָרן 1919 — 1921.[1]

ס'איז כאראקטעריסטיש, ווי מייער ווינער, א זון פון רייכע עלטערן, קלייבט פאר זיך אויס א נייעם וועג אין לעבן. ער זאָגט זיך אָפּ פון דער רייכער ירושע, וואָס דער פאָטער האָט אים איבערגעלאָזט. און דאָס האָט באטייט ניט בלויז דאָס אָפּזאָגן זיך פונעם אלטן שטייגער, ס'איז געווען אן איינרייס מיט דער אלטער וועלט.

זיין וועגווייזער איז איצט דער מארקסיסטישער געדאנק, עס ציט אים צו זיך די נייע וועלט, די וועלט, וואָס האָט זיך אזוי פילפארביק אנטפלעקט אינעם לאנד פון דער סאָציאליסטישער רעוואָלוציע.

אין 1924 יאָר טרעט ווינער אריין אין דער עסטרייכישער קאָמוניסטישער פארטיי און אין צוויי יאָר ארום פאָרט ער אריבער אין סאָוועטנפארבאנד.

דאָ ווערט ער א וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער פונעם קיעווער אינסטיטוט פאר יידישער קולטור, פארוואלטער פון דער קאטעדרע פון יידישער ליטעראטור אין קיעווער און נאָכדעם אין מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אין די דרייסיקער יאָרן איז ער אין סאמע בלי

---

[1] מ. ווינערס פארצווייגטע ליטעראריש־קריטישע טעטיקייט פון יענעם פעריאָד פארדינט א באזונדערע אויספאָרשונג: ער האָט ארויסגעגעבן א זאמלונג — באַלאַדן אף דייטש, געווידמעט דעם לעבן פון די יידן אין שפּאניע; פארעפנטלעכט אף דייטש א באנד „צור ליריק דער קאבאלא 1919״ (אייגענע איבערזעצונגען פון די אמאָליקע העברעישע דיכטער), די ווערק „אנטאָלאָגיע העבראַיקא״, (לייפּציג, 1920), „פּאָן דען סימבאָלן״ (בערלין, 1921), צוזאמען מיטן געלערנטן כאַים בראָדי (1868 — 1942) ארויסגעגעבן א העברעישע אנטאָלאָגיע, באגלייטנדיק זי מיט אן ארבעט וועגן דער העברעישער דיכטונג, אאוו.

פון זײַן געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער טעטיקייט אַלס ליטעראַ־טור־פֿאָרשער, קריטיקער און פּראָזע־שרײַבער.

ווינער איז ניט געקומען אַף קיין רויערד. אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן האָט זיך נאָך ניט אָפּגעקילט דער „אומרו" פון מוי־שע ליטוואַקאָוון. נאָכעם שטיף און מאַקס עריק האָבן שוין, ווי געני־טע רײַזנדער, זיך אוועקגעלאָזט אין דער ווײַטער געשיכטע פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, „וועג־אײַן, וועג־אויס" אין אונדזער ליטעראַטור איז שוין געגאַנגען נאָכעם אויסלענדער, אין זײַן פּרוכטבאַרן „איבערבוי" האָט זיך שוין געפונען יעכעזקל דאָברושין, פּלײַסיק און געוויסנהאַפט האָט זיך שוין געמיט אַרן גורשטיין מיט זײַן אָרגאַנישן דערעכערעך צו ליטעראַטור־וויסנשאַפט, איציק נוסינאָוו האָט שוין „פון בוך צו בוך" געבלעטערט אונדזער ליטעראַטור, שטעלנדיק זי אין דער שײַן פון דער וועלט־קלאַסיק.

כאָטש ווינער איז ניט געקומען אַף קיין רויערד, זײַנען דאָך נאָך דעמלט געווען אַ סאַך ניט אופגעהויבענע פּלאַסטן אין דער יידישער ליטעראַטור־פֿאָרשונג. ווינער האָט געמאַכט אַן אָנהייב אין דער וויסנ־שאַפטלעכער באַאַרבעטונג פון די מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער ערשטער העלפט XIX יאָרהונדערט. דערמיט האָט ער אַ סאַף געמאַכט צו דער פאַרשפּרייטער מיינונג, אַז די נײַע יידישע ליטעראַטור הייבט זיך אָן פון מענדעלען. די דאָזיקע מיינונג האָט ניט נאָר געשטעלט אונדזער קלאַסיק אויסער טראַדיציע, נאָר האָט זי פאַראָרעמט, געשטערט אופצודעקן אין דער פולער מאָס איר נײַס און אירע גרויסע אופטוען.

צווישן די ליטעראַטור־קענער האָבן וועגן דעם פּרײַיקן פּעריאָד אין דער נײַער יידישער ליטעראַטור געהערשט נעפּלהאַפטע פאָרשטע־לונגען ווי וועגן עפּעס אַ מין „פאָרגעשיכטע", ווי וועגן עפּעס אַזעלכע צופעליקע, צווישן זיך ניט פאַרבונדענע פּרווון און פּראַגמענטאַרישע זאַכן, וואָס האָבן פאַר זיך געעומען אַ קנאַפּן באַטײַט און וואָס טויגן העכסטנס פאַר גריבלעניש און כקירעס פון פילאָלאָגן און ליטעראַטור־אַרכעאָלאָגן[1].

---

[1] מ. ווינער. פאָרוואָרט „צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19־טן יה.", ז. 5.

מייער ווינער האָט קלאָר געמאכט די דאָזיקע פּראָבלעם. איצט איז פון „פאַרגעשיכטע" געוואָרן געשיכטע. דאָס קלוימערשט צופעליקע איז געוואָרן געזעצמעסיק.

די קריטיש-פאַרשערישע ארבעטן האָבן ווינערן אָרגאניש גע־בראַכט צו זיינע היסטאָרישע ראָמאנען. צווישןביידע זשאנרען איז ניט געווען קיין איינרייס. ער איז געווען א קינסטלער אין זיין פאָר־שונג און א פאָרשער אין זיין קינסטלערישער פּראָזע.

פון יאָר צו יאָר האָט זיך פארשטארקט ווינערס אינטערעס אויך צו דער סאָוועטישער ליטעראטור. באגלייך מיט די ארבעטן וועגן דער יידישער ליטעראטור אין פארגאנגענעם יאָרהונדערט האָט ער איבער־געלאָזט ארבעטן וועגן א ריי סאָוועטישע יידישע שרייבער. ער האָט גרינטלעך באהערשט די מארקסיסטיש-לענינישע מעטאָדאָלאָגיע, וואָס איז געוואָרן דער יעסאָד פון זיינע ליטעראַרישע אָנשויונגען.

דעם ווערט פון ליטעראטור האָט ער געמאָסטן ניט בלויז מיט ריין קינסטלערישע מאָסן, לויט פאָרמעלע סימאָנים פון דער אָפּיציע־לער פּאָעטיק. באזונדערס וויכטיק איז פאר אים געווען דער פאקט, אף וויפל דער שרייבער לאָזט זיך פירן פונעם לעבן. ער האָט פיינט געהאט עפּיגאָנישע נאָכמאכונגען, דילעטאנטיש-עסטעטישע שפּילערייַ, אינהאלט־אָרעמע רעטאָריק, פּוסטע מעליצע, ווו מע צאצקעט דאָס וואָרט אָן א לעבעדיקן אינהאלט. ער האָט ליב געהאט די ליטעראטור, אין וועלכער ס'פילט זיך די פרישקייט פון אָן אָנהייב, דער טאַם פון לעבן, ווו מע קאָן אָנטאפּן דעם דויפעק פון פאָלק.

סאָף צוואנציקער און אָנהייב דרייסיקער יאָרן האָבן זיך פארשארפט אין דער סאָוועטישער ליטעראטור די אידעאָלאָגישע שטרייטן. דער קריגערישער גייסט, וואָס האָט דעמלט געהערשט אין דער יידישער סאָוועטישער קריטיק, האָט אפילו זיך געלאָזט פילן אין די נעמען, אונטער וועלכע עס זיינען דערשינען פילצאָליקע ארטיקלען און זאמ־לונגען. ליטוואקאָוו האָט געקעמפט „אף צוויי פראָנטן", דובער האָט זיך אוועקגעלאָזט „אין שלאכטן", בראָנשטיין איז געגאן „אין אטאקע" און געפּרוווט פארנעמען „פארפּעסטיקטע פּאָזיציעס". ווען עס האָט זיך געהאנדלט אין אויסטרעטן א וועג פאר דער מארקסיסטיש-לענינישער מעטאָדאָלאָגיע, איז אזא קאמף געווען אין די אינטערעסן פון דער סאָוועטישער ליטעראטור.

ווינער איז ניט געשטאַנען אויסער די ליטעראַרישע שטרייטן. ער האָט אָבער ניט פאַרשווענדט קיין קויכעס אף דאָנקיכאָטישן קאַמף מיט פוסטע ווינטמילן, ער האָט ניט געפאָכעט מיט דער שווערד אף רעכטס און אף לינקס גלאַט אין דער וועלט אַריין. ער איז געווען אומבעראַכמאָנעסדיק ניט בלויז צו פרעמדע, נאָר אויך צו אייגענע פעלערן. פון אייגענע פעלערן האָט ער זיך אופריכטיק אָפגעזאָגט.

אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור-פאָרשונג איז ווינער געווען די „שווערע אַרטילעריע", וואָס האָט געטראָפן אין ווייטן ציל, מיטהעלפנדיק אָפראַמען דאָס מיסט, וואָס ייִדישיסטישע „ליטעראַטור-קענער" האָבן אָנגעוואַלגערט פאַרן געביי פון א קומענדיקער ייִדישער ליטעראַטור-געשיכטע. ניט אַלעמאָל האָט זיך ווינערן איינגעגעבן מעסטן ליטעראַטור-דערשיינונגען מיט ריכטיקע מאָסן. ער איז ניט פריי געווען פון עקסטרעמקייטן. צו א ריי אַרבעטן האָט ער זיך מיט דער צייט אומגעקערט, אָפזאָגנדיק זיך פון איינזייטיקע אָפשאַצונגען, ניט ריכטיקע באַהויפטונגען און ניט באַגרינדעטע אויספירן.

ווינער איז, צום ביישפיל, געווען גערעכט, ווען ער האָט געהאַלטן, אַז אַן קריטישן אָפקלייב און שעפערישער איבערפורעמונג פון דעם פאָלקלאָר קאָן דאָס „קרומע" פראָקלאַמירט ווערן ווי „גראָד". נאָר דאָס, וואָס ער האָט אינעם פאָלקלאָר געהאַלטן פאַר קרום, האָט ניט אַלעמאָל אויסגעזען צו זיין קרום אין שיין פון מאַרקסיסטישער אופאַסונג.

אין זיין אַריינפיר צו שאָלעם-אַלייכעמס קינדער-דערציילונגען איז ווינער געווען אין א סאַך פראָטים ניט גערעכט בענעגייע דעם גרויסן פאָלקס-שרייבער. נאָר ער האָט דאָס מיט דער צייט גלענצנדיק פאַריכט אין זיין בוך „וועגן שאָלעם-אַלייכעמס הומאָר". אויך דעם גרעסטן טייל אַרבעטן וועגן אַקסענפעלדן, עטינגערן, מענדעלען, וועלכע ווינער האָט געשריבן אין די יאָרן 1927 — 1939, האָט ער שפעטער איבערגעאַרבעט און פאַריכט. אין 1940 זיינען זיי אופגעזאַמלט געוואָרן אין א פונדאַמענטאַלן בוך, מיט וועלכן ער, דער פאָרשער, איז אויסן געווען „געבן א שטיקל צושטייער, עטלעכע בוי-שטיינער פאַר א קומענדיקער צוזאַמענהענגענדיקער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אינעם XIX יאָרהונדערט".

ס'איז מאמעש געווען צו באוואונדערן, וויאזוי ער האָט זיך פאַ־נאנדערגעקליבן אין דער ליטעראטור, וואָס איז געווען אמווינציקסטנס באקאנט, וויאזוי ער האָט אופגעזוכט אירע אנטוויקלונגס־ליניעס, וואָס האָבן זיך, פונקט ווי א נאָפּל־שנור, איבערגעריסן און פארלוירן גע־גאנגען אין אונדזער פאַרשונג.

ווינער האָט מיט א באזונדערער פעיקייט געקאָנט דיפערענצירן ליטעראַרישע דערשיינונגען, אופדעקן דעם אופטו פון א שרייבער, באווייזן, אף וויפל זיין שאפונג איז ניי אָדער רעלאטיוו ניי. אזוי, אשטייגער, פארגלייכנדיק די ווערק פון א ריי באדייטנדיקע שרייבער פון דער העברעישער ליטעראטור (אווראַהאָם מאפו, פערעץ סמאָלענסקי, יעהודע־לייב גאָרדאָן) מיט דער שאפונג פון די יידישע בעלעטריסטן פון דער פריי̆קער האסקאָלע, שטעלט ווינער פעסט:

ערשטנס. דער אוטאָר פון דער אנאָנימער „די גענארטע וועלט" און אקסענפעלד, עטינגער, האָבן שוין אין דעם צווייטן יאָרצענדליק פונעם XIX יאָרהונדערט אָנגעהויבן פארקערפערן די אופקלערערישע טענדענצן אין לעבעדיקע רעאליסטישע בילדער;

צווייטנס. די פריע אופקלערערישע בעלעטריסטיק איז אין דער יידישער שפראך פריי פונעם באציאָנאליסטישן נעפל, פון קלוימערשטן קלאסיציזם און מעליצע;

דריטנס. מע קאָן ניט איגנאָרירן דעם באטייט פון דער פאָלקס־שפראך פאר דער פאָלקסטימלעכקייט און רעאליזם, וואָס האָבן אונטערשיידט די דעמלטיקע יידישע ליטעראטור פון דער העברעישער.

צו ליטעראטור־דערשיינונגען איז מייער ווינער צוגעגאנגען היס־טאָריש. באהאנדלענדיק די יידישע ליטעראטור פון דער ערשטער העלפט XIX יאָרהונדערט, שטרייכט ער אונטער, אז מע מוז דאָ שטענ־דיק געדענקען דעם „וועדליק" און „פאָדליק", אָן דעם איז ניט מעג־לעך קיין „אנטשפרעכנדיקע מאָס". און קיינער האָט ניט געקאָנט אזוי טיף, ווי ווינער, אריינדרינגען אינעם מעהוס פונעם קינסטלערישן שאפן פון יענער צייט, אזוי דין אָפּטיילן טראדיציאָנעלן אקסעסואר פון היס־טאָריש באדינגלעכע מאָטיוון, אויסטיילנדיק די וויכטיקע דערשיינונגען.

ער האָט זיך געהיט פון איינזײַטיקע אויסטײַטשונגען, געשטרעבט באַטראַכטן דערשײַנונגען דיאַלעקטיש, אין זייער אײנהײַט פון ווידערשפּרוכן. די האַסקאָלע, לעמאָשל, איז געווען אַ גרונט-פאַקטאָר פאַרן אַנטשטיין פון דער ייִדישער ליטעראַטור, כאָטש זי איז, ווי קיין שום אַנדערע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, קעגנעריש צו דער ייִדישער שפּראַך. דער כאַסידיזם איז געווען אַ מין דעמאָקראַטישער צאַפּל, כאָטש — אין דער ריכטונג פון פעאָדאַלישער פינצטערקײַט. מענדל לעפינס איבערזעצונגען אין דער האַמוינישער ייִדישער שפּראַך פון ביבלישע ביכער, ווי קויהעלעס און מישליי, ווי שיר-האַשירים און טילים, זײַנען אַ קעמפערישע אַרויסטרעטונג קעגן כאַסידיזם. ס'קלינגט פּאַראַדאָקסאַל? נאָר אַזוי איז דאָס פאַקטיש געווען. קויהעלעס און מישליי, ווען זיי האָבן זיך צערעדט לויטן שטייגער פון אַ האַמוינישן ייִד אין אוקראַיִנע פונעם XVIII יאָרהונדערט, זײַנען געווען היסטאָריש און האָבן געהאָלפן דער אַנטשטייונג פון אַ וועלטלעכער ייִדישער ליטעראַטור.

ווידער איז געווען אינטערעסאַנט אין זײַנע האַשאָרעס און פעסטשטעלונגען.

אין יאָר 1929 האָט ער אין קיִעוו געפונען אַן עקזעמפּליאַר פון דער „אַגעווע" (אַנאָנימער „די גענאַרטע וועלט") און וועגן דעם פאַרעפנטלעכט אַ קורצע ביבליאָגראַפישע באַשרײַבונג. אין אַ צײַט אַרום, אומקערנדיק זיך צו אָט דעם ווערק, צו זײַן פאַבול און שפּראַך-סטיל, זאָגט ער אַרויס די האַשאָרע, אַז עפּשער איז מענדל לעפין געווען דער אַנאָנים. ריידנדיק וועגן אַקסענפעלדס ווערק „מיכל אויזערקעס, אַ ייִדישער זשילבלאַז", דערמאָנט ווינער אַ בוך פון גאָגאָלס אַ פאַרגייער וו. ס. נאַרעזשני, אַרויסגעגעבן אין יאָר 1914 אונטערן נאָמען:

«Российский Жильблаз, или похождения князя Гаврилы Чистякова»

די דאָזיקע שוטפעסדיקײַט, האַלט ווינער, איז ניט קיין צופאַל. אין די דרײַסיקער יאָרן איז די זשילבלאַז-טעמע אין דער רוסישער ליטעראַטור געווען שטאַרק פּאָפּולער. דאַרף מען דאָ, לויט ווינערס מיינונג, עפּשער זוכן די אייגנטלעכע ליטעראַרישע טראַדיציעס פאַר אַקסענפעלדס פּראָזע. אַן אויספאָרשונג אין דער ריכטונג וואָלט ברענגען אינטערעסאַנטע אויספירן וועגן אַקסענפעלדס אומיטלבאַרער פאַר-

בינדונג מיט די ליטעראַרישע מוסטערן פון דער רוסישער סאַטירישער שטייגער-פּראָזע.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז ווינערס האַשאָרע וועגן עטינגערס ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונגס-געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַ-טור. „מע דאַרף רעכענען, אַז אַ גענויערע אויספאָרשונג וועט געפינען אַ צוזאַמענהאַנג פון טראַדיציע אַפילו דאָרט, וווּ מ'האָט זיך גאָר ניט געריכט, ניט נאָר צווישן עטינגערן און פערעצן, צווישן עטינגערן און גאָטלאָבערן, צווישן עטינגערן און גאָלדפאַדענען, נאָר אויך, ניט גע-קוקט אויף דער פאַרשיידנקייט פון דער דיאַלעקט-באַזע, צווישן עטינגערן און מענדעלען, און בעמיילע אויך צווישן עטינגערן און שאָלעם-אַליכעמען".

ווינער האָט אײַנגעזען אַ ווירקונג ניט נאָר דאָרט, וווּ זי טרעט אַרויס דײַטלעך, נאָר אויך דאָרט, וווּ זי איז פאַרבאָרגן. אָפט איז אים גענוג געווען אַ מאָטיוו, קעדיי דערזען זײַן גילגל, זיך דערקלײַבן צו זײַן אָפּשטאַם, אופשטעלן זײַן אורשפּרינגלעכע פאָרם, ענלעך צו דעם, ווי דער פאַלעאָנטאָלאָג איז פעיִק אופשטעלן דעם אויסזען פון די לע-בעדיקע געווזענע באַשעפענישן פון דער פאַרשטיינערטער מאַסע. זײַנע אַסאָציִאַציעס זײַנען ווירקלעך געווען אומויסשעפּלעך. ער זעט אַ צוזאַ-מענהאַנג צווישן דער אַנאָנימער „גענאַרטער וועלט" — אַ גרונט-ווערק פון דער עלטערער ייִדישער ליטעראַטור — מיט דער קאָמעדיע דעל אַרטע. אַקסענפעלדס דראַמאַטישע מאַניר באַטראַכט ער אויפן פאָן פון דער עלטערער מיזרעך-אייראָפּעיִשער דראַמאַטישער פּאָעטיק. ער זעט אַקסענפעלדס אָפּהענגיקייט פון דער עלטערער אופקלערערישער פראַנ-צויזישער און דײַטשישער פּאָעטיק. בײַ עטינגערן שטעלט ער פעסט ווירקונגען און אַנטלײַונגען פון לעסינגן, געלערטן און שילערן.

בײַ מענדעלען זעט ער ווירקונגען פון גאָגאָלן און באַזונדערס פון סאַלטיקאָוו-שטשעדרינען. ער ווײַזט אויך אָן אויף דעם, וואָס מענדעלע האָט געלערנט בײַ טשערנישעווסקין, דאָבראָליובאָוון, פּיסאַרעוון. „פיש-קע דער קרומער" רופט בײַ אים אַרויס אַסאָציִאַציעס מיט דער ראָמאַנ-טישער שול אין דער פראַנצויזישער פּראָזע — מיט וויקטאָר הוגאָ, עזשען סיו און דיומאַ, ער זעט מענדעלעס נאָענטקייט צו יענער טראַדי-ציע פון דער ענגלישער ליטעראַטור, וואָס ציט זיך זינט סוויפט, פיל-דינג, סמאָלעט, סטערן, טעקערײַ, דיקענס. אַ דיקענסישע ווירקונג בײַ-

מערקט ער אינעם „ווינטשפינגערל״. הערשעלעס געשטאַלט דערמאָנט אים דאוויד קאָפּערפילדן. אין דער „קליאטשע״ זעט ער די טראַנספאָרמאַציע פון דער אַלטער קלאַסישער טראַדיציע וועגן מעטאַמאָרפאָזן (בא אָווידיוס, אַפּולייוס, לוקיאַן און אנד.). מענדעלעס בילדער פון דער אָרעמשאַפט אַסאָציירן זיך בא אים, פון איין זייט, מיטן גראָטעסק פונעם נידערלענדישן פויערים-מאָלער ברייגעל און, פון דער אַנדערער זייט, מיטן פּאַטעטישן, האַרציקן און טיף מענטשלעכן הומאַניזם פון דעם גענ׳אַלן רעמבראַנדט.

ווינערס „שוואַכקייט״ צו ליטעראַרישע פּאַראַלעלן שטאַמט פון זיין גרויס וויסן. אין פיל אַנאַלאָגיעס, וועלכע ער האָט דורכגעפירט צווישן דער ייִדישער ליטעראַטור און וועלט-ליטעראַטור, זיינען געווען עמעסע אַנטדעקונגען, כאָטש אייניקע פון זיי האָבן אויסגעזען צו זיין צופיל אָנגעצויגן. ער האָט זיך ניט געשראָקן פאַר ליטעראַרישע אַנאַלאָגיעס אַפילע, ווען זיי זעען אויס ריזיקאַליש. ס׳טרעפט זיך דאָך, אַז ערגעץ אַף די גרויסע וועגן פון דער ליטעראַטור קומען זיך אַמאָל צונויף שרייבער, ניט לייענענדיק איינער דעם אַנדערן. דאַרף מען זיך פאַנאַנדערקלייבן, ווו איז געווען דירעקטע ווירקונג און ווו צופעליקע צונויפפאַלונג. פאַראַן פאַרשיידענע מינים ענלעכקייט. איבעראַשנדיקער קאָן זיך אַרויסווייזן גראָד די ענלעכקייט, וואָס איז ניט געקומען דורך אומיטלבאַרער באַווירקונג.

3

אין צוזאַמענהאַנג מיט מענדעלעס צענטן יאָרצייט, אין יאָר 1927, האָט איינער א בורזשואַזער זשורנאַליסט געמוזט אַנערקענען, אַז ס׳איז פאַראַן עפּעס א געוויסע קרוויוועשאַפט צווישן דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט און מענדעלען.

אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור-פאָרשונג האָט די סאַמע נאָענטסטע קרוויוועשאַפט מיט מענדעלען איינגעשטעלט ווינער.

אינעם יאָר 1938 פלעג איך אָפט אַריינגיין צו אים. אין זיין באַשיידענעם אַרבעטס-צימער האָט פון דער וואַנט ליבלעך אַראָפּגעקוקט מענדעלע, טאַקע ווי גאָר א נאָענטער קאָרעוו. ווינער קוקט אַפן פּאָרט-

רעט פונעם „זיידן" און שרײַבט: „מענדעלע מויכער-ספֿאָרים איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון דער פֿאָלקסטימלעכער הארצלעכקײַט און קלוגשאפט, ער איז דער פֿאָלקסטימלעכער מאָנער, דאָס געוויסן פֿון די פֿאָלקסמאסן — א פֿאָלקס-מענטש דורך און דורך".

אפֿן שרײַבטיש ליגן מענדעלעס ספֿאָרים. ווינער בלעטערט זיי מיט צערטלעכע פֿינגער, לאָזט ניט אָפּ זיי קיין שטויבעלע פֿאלן. זיי זײַנען אים זייער טײַער, פּונקט ווי דער פֿאקנטרעגער מענדעלע אליין וואָלט זיי אים אָקאָרשט אראָפּגעבראכט פֿון זײַן בײַדל...

אין יענעם יאָר האָט ווינער געשריבן זײַן שענסטע ארבעט — „מענדעלעס סטיל".

אָט די מײַסטערישע, פֿיליגראניש-אויסגעשליפֿענע ארבעט הייבט זיך אָן מיט אן אנאלאָגיע צווישן מענדעלען און רעמבראנדטן.

„קונסט-קריטיקער האָבן זיך אָפֿט געמאטערט די קעפּ: פֿון וועלכן פּונקט ווארפֿט אייגנטלעך רעמבראנדט די שײַן אָפּ זײַנע בילדער: פֿון אויבן, פֿון פֿאָרנט, פֿון רעכטס, פֿון לינקס, צי פֿון דער זײַט... עפּעס האָבן זיי דאָ אין דער ריכטונג פֿון דער שײַן ניט געזען קיין אויסגעהאלטנקײַט. זיי האָבן ניט געוווּסט, אז זײַן שײַן, זײַן ליכט גייט פֿון זײַן הארצן, פֿון זײַן ליבע צום געפּלאָגטן מענטש, וואָס באקומט שטארק צו פֿילן דאָס לעבן".

די אנאלאָגיע מיט רעמבראנדטן איז א גלענצנדע עקספּאָזיציע, וואָס ווינער האָט אויסגעקליבן, קעדיי דערזען דעם פּונקט, פֿון וועלכן מענדעלע האָט געוואָרפֿן די שײַן אָפּ זײַנע בילדער פֿון יידישן לעבן.

אין וואָס זשע באשטייט די העל- און טונקל-מאניר בא רעמבראנדטן?

„זײַן ליכט — דאָס איז גאָלד צעשמאָלצן דורך ליבע און דורך קענטעניש פֿון לעבן. דער שאָטן, די טונקלקײַט, וואָס ער מאָלט, איז ניט סטאם פּוסטע פֿינצטערניש, נאָר קאָנצענטרירטע געדיכטקײַט פֿון לעבן, אָפּ וועלכער דער העלער, ווארעמער פֿאָדערגרונט מיט זײַנע באליכטענע געשטאלטן גיט בלויז אן אָנצוהערעניש".

אָט אזוי אויך בא מענדעלען.

„מענדעלע ווארפֿט א בונט גאָלדענע ליכט-שטראלן אָפּ די פֿיגורן אינעם פֿאָדערגרונט און באלײַכט זיי — אלס רעמעז און אָנצוהערעניש אפֿן ניט-באליכטענעם הינטערגרונט".

אין פֿלוג, דאכט זיך, האנדלט זיך דאָ וועגן א דעטאל פֿון מענדע-

לעס סטיל. נאָר א מערקווירדיקע זאַך: ווי נאָר ווינער נעמט ריידן וועגן דער דאָזיקער דעטאַל, אזוי אנטפּלעקט זיך פאַר אונדז גאַנץ מענדעלע אין זײַן נאָענטקײַט צו רעמבראַנדטס „גאָלדענער ליכט".

אין דער אַרבעט „מענדעלעס סטיל" האָט ווינער אפּן סמאַך פון אַן אַנאַליז פון „פישקע דער קרומער" געפּרוווט „אַרויסבאַקומען" די אייגנאַרטיקע גרונטשטריכן פון מענדעלעס קינסטלערישן סטיל.

ווינער דערקלײַבט זיך צו די וואָרצלען פון מענדעלעס שפּראַך, פילט איר אינווייניקסטע מוזיקאַלישע האַרמאָניע, איר טיפן אינער־לעכן ריטם, אירע רײַכע פאַרשיידנאַרטיקסטע אינטאָנאַציעס — דער־קלײַבט זיך צו דעם „געוויסן עפּעס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַרן מײַסטער, און קיין שום פעלשער קאָן עס ניט נאָכמאַכן, וויפל ער זאָל זיך ניט באַמיִען". ער נעמט די באַשטאַנדטיילן פונעם שפּראַך־סטיל אין זייער קינסטלערישן געשמעלץ, זעט די „כימישע ענדערונגען אינעם מאָל־מאַטעריאַל".

„סאַטירע גיסט זיך אין זײַן (מענדעלעס. — מ. נ.) סטיל צונויף מיט ליריזם, וויציקער הומאָר — מיט טראַגישן באַוווסטזײַן, א ניכטע־רער רעאַליסטישער גאַנג — מיט אויסטערלישע אײַנפאַלן, געמיטלעכ־קײַט אין דער קליינמאָלערײַ — מיט גראָטעסקישער היפּערבאָליק, א פּאַטעטיש וועלטגעפיל — מיט וואָכעדיקער שטייגערישקײַט".

ווינער ציטירט וווּנדערלעכע שטיקער פון מענדעלעס פּייזאַזש־מאָלערײַ. צו זיי גיט ער קורצע קאָמענטאַרן. בעקיוון קורצע, קעדיי ניט פאַרשטעלן מענדעלעס נאַטור־בילד, וואָס רעדט אַן און פאַר זיך. נאָר מיט זײַנע שטימונגספולע קאָמענטאַרן נעמט ער ווי אַרײַן מענדעלעס נאַטור־בילד אין א זון־רעמל, וואַרפט אויף דעם א העלע שײַן. איר פילט דעם פאַרשערס אומיטלבאַרע עמפּינדונג, זײַן טיפע באַאָבאַכטונג־פעיִקײַט.

באַדײַטונגספול זײַנען ווינערס קאָמענטאַרן צו די כאַראַקטערן און פּאָרטרעטן פון „פישקע". וועגן דעם עפּיזאָד, ווי די מוטער וואַרפט אוועק אויף גאָטס באַראָט איר קינד, דאָס האַרבאַטע מיידל ביילע, זאָגט ווינער: „דאָ איז פאַראַן אזא גרויסער עמעס, ווי אין די גרויסע, שטאַר־קע פאָלקסלידער, אין וועלכע ס'איז אנטהאַלטן עפּעס א שרעקלעכער סאָד פונעם לעבן, פונעם לעבן אין דער פאַרקריפּלטער געזעלשאַפט".

די שילדערונג פונעם פאַקנטרעגער מענדעלע דערוועקט אין אים

דעם געדאנק: „טעוויע איז א גענ׳אלע ווארי׳אציע פון דער מענדעלע־געשטאלט”.

ער גראָבט אין דעם „זיידנס” שאפן א פלאסט נאָך א פלאסט, ווי מע גראָבט אן ארטעזי׳אנישן ברונעם, קעדיי זיך דערשלאָגן צום קוואל, „ביז טיף אינווייניק”.

פארוואָס איז מענדעלע א גרויסער קינסטלער? ווײַל ער האָט זיך דערקליבן צום טאָך, צום וויכטיקסטן אינעם לעבן פון זײַן פאָלק, וואָס ער האָט געשילדערט. פארוואָס איז אים געלונגען דערגיין ביז צום טאָך, צו פאקן דאָס איקער־פינטעלע פון דער יידישער ווירקלעכקײַט אין זײַן צײַט? דערפאר, ווײַל ער איז געפירט געוואָרן פון אזעלכע געפילן און מאָטיוון, וואָס מיט זייער הילף קאָן מען אמבעסטן ארײַנדרינגען ביז טיף אינווייניק אין די געדיכטענישן פון לעבן”.

דאָס איז איינער פון ווינערס סאכאקל־געדאנקען וועגן מענדעלען. עס זעט אויס אזוי, פונקט ווי ער וואָלט זיך אליין „ביז טיף אינווייניק” א טוק געטאָן אין מענדעלעס שאפן און, דערקלײַבנדיק זיך צום „טאָך”, צום „איקער־פינטעלע”, ארויסגעשווומען מיט אָט דעם דורכזיכטיקן סאכאקל־געדאנק.

פאר אקסענפעלדן האָט ווינער געהאט ליטעראטור־היסטאָרישע אכטונג; פאר מענדעלען, כוץ גרויסער אכטונג, אויך גרענעצלאָזע ליבע.

מע קאָן פרעגן: וואָס איז דער כידעש, וואָס ווינער האָט ארײַנגעלייגט אזויפיל ליבע אין זײַן ארבעט וועגן מענדעלען? אקסענפעלד און מענדעלע זײַנען פארשיידענע גרייסן. די טעמע „מענדעלע” האָט אים, פארשטייט זיך, געקאָנט מער באגײַסטערן.

ס׳איז אָבער באוווּסט, אז א סאך בירגערלעכע שרײַבער און קרי־טיקער, אָפגערעדט פון קליינשטעטלדיקע יידישיסטישע פײַנשמעקערס, האָבן צו מענדעלען געהאט וויייניק סימפאטיע. ס׳איז דערגאַן אזוי ווײַט, אז דער אפאָלאָגעט פון בורזשואזן קלעריקאליזם הילעל צייטלין האָט מענדעלען געהאלטן... פאר אן אנטיסעמיט!..

אין ווינערס ווערק וועגן מענדעלען האָבן מיר דערזען, אז דער פאָרשער קאָן אין זײַן ארבעט ארײַנהויכן די ווארעמקײַט פונעם אייגע־נעם אָטעם. ערשט דעמלט באקומט זײַן מי די פולע שליימעס, פונקט ווי באם איידעלן הוטע־מײַסטער, וואָס פורעמט מיט זײַן אָטעם דאָס וואונדער־ווערק פון לויטערן קרישטאָל...

4

צוויי פאַרדריסלעכע מיספאַרשטייעענישן זײַנען פאַראַן אין דער אָפּשאַצונג פון מענדעלעס שאַפן — איינע וועגן זײַן פּאָזיטיווער פּראָגראַם אין די 60-ער און 70-ער יאָרן, און די צווייטע — וועגן טאָך פון זײַן שאַפן זינט די 80-ער יאָרן.

ס'איז אַ מיספאַרשטייעניש, אויב מע מיינט, אַז מענדעלעס פּאָזיטיווע פּראָגראַם ליגט אויסער די ראַמען פון זײַן קריטיק פון דער געזעלשאַפט און דריקט זיך בלויז אויס אין געציילטע נאַיווע מאַסקילישע רעפאָרם-פאָרשלאָגן פון בילדונג, אויפקלערונג און „איראָפּעיִשקייט". צי דאַרף מען ניט זוכן דעריקער די פּאָזיטיווע פאָרשלאָגן גופא אין מענדעלעס קריטיק פון דער געזעלשאַפט? צי לאָזט זיך ניט פעסטשטעלן אויך דאָס טיף פּראָגראַמאַטישע אין זײַן „ניט דאָס בין איך אויסן"?

אַף אָט די פראַגן האָט ווינער געענטפערט זייער איבערצײַגעוודיק: „דער פּראָטעסט קעגן די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, וואָס איז געווען אין זײַנע בילדער, דער אויספיר, וואָס בעט זיך, אַז מע זאָל דאָ מאַכן, איז אָן אָן ערעך שאַרפער, ווי ס'וואָלט געפּאַסט פאַר דער טעאָרעטישער פּראָגראַם, וואָס ער האָט אָפּט אונטערגעוואָרפן".

די צווייטע מיספאַרשטייעניש שפּיגלט זיך אָפּ אין דער מיינונג, אַז מענדעלעס שאַפן אינעם לעצטן פּעריאָד גייט קלוימערשט דורכויס אונטערן צייכן פון אַ געענדערטער אידעאָלאָגיע, אַז מענדעלע איז קלוימערשט אָפּגעטראָטן פון זײַן פריערדיקער טראַדיציע. ווינער האָט געוואָרנט קעגן אַזאַ פאָרשטעלונג, כאָטש אין זײַן אייגענער אָפּשאַצונג פון מענדעלעס שאַפן זינט די 80-ער יאָרן איז ער אַליין גענוג ווידערשפּרעכלעך.

ווען די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור-פאָרשונג וועט צוטרעטן צו אַ מער ברייטערער פאַנאַנדעראַרבעטונג פון מענדעלעס שאַפן פון זײַן לעצטן פּעריאָד, וועט זי ניט נאָר נעמען בא ווינערן ריכטיקע אויסגאַנגפונקטן, זי וועט אויך מוזן אומפאַרמײַדלעך אַרײַנטרעטן מיט אים אין אַ געוויסער פּאָלעמיק.

ווינער איז געניגט צו באַטראַכטן אַלס „אייגנאַרטיקע אומקאָנ-

סעקוועניז" מענדעלעס פעיִקייט צו אנטוויקלען טעמעס און בילדער, וואָס זײַנען אין א פרײַערדיקער אײַנשטעלונג פארטראכט געוואָרן, ניט גע-קוקט אף דער „געענדערטער וועלט-אַנשויונג". ניין, אן „אײַנגנארטיקע אומקאָנסעקוועניז" איז געווען ניט אזוי בא מענדעלען, ווי בא זײַן פאָר-שער, וואָס האָט דאָך ניט אלעמאָל געפונען דעם ריכטיקן צוזאמענהאנג צווישן „ויידנס" פרײַערדיקן און שפּעטערדיקן שאפונגס-פעריאָדן... די שפעטערדיקע צעוויקלונג פון טעמעס און בילדער פון די 60-ער יאָרן איז ניט נאָר געווען באדינגט מיט מענדעלעס „פרײַערדיקער אײַנשטעלונג". דאָס איז אויך געווען זײַן אײַנשטעלונג פון די 80-ער יאָרן. (צי איז בכלאל מעגלעך פאנאנדערוויקלען טעמעס מיט א „פרײַערדיקער אײַנ-שטעלונג", האָבנדיק שוין אן „אנדער אײַנשטעלונג"?).

ווינער רעכנט איבער די וויכטיקסטע פאָרם-עלעמענטן, וואָס זײַ-נען פארבונדן מיט מענדעלעס קריטיק און אפּאָלאָגיע, אײַנטיילנדיק זיי אין צוויי גרופּעס:

„1. געזעלשאפט-קריטיק: פאמפלעטיק, סאטירע, פאראָדיסטיק, „אַנראכמאָנעסדיקייט" אין דער דעטאלן-מאָלערײַ, לעבעדיקע, קראפטפו-לע פּאָלקסטימלעכקייט (אויך דאָרט, וווּ ער לאכט פון דער גוזמעדי-קער רעדנסארטלעכקייט); שטראָפנדיקע (קריטיקירנדיקע) רעזאָניאָריש-קייט, פאטעטישער לירויזם, שטייגערישער עמעס (זאכלעכער שטייגער-רעאַליזם), רעאַליזם אין דער פאבול.

דער כאראקטעריסטישער הויפּט-שטריך פון דער דאָזיקער גרופּע פאָרם-אייגנשאפטן איז רעאליסטישע ניכטערקייט.

2. געזעלשאפט-אפּאָלאָגיע: פּאָעטיזירטע אלעגאָריק, עפּיש-רויִקע „אָביעקטיוויקייט", פּאָעטיזירנדיקע אידעאַליזאציע, אידילישע זשאנער-און פּייזאזש-מאָלערײַ, „ייִדישלעכע" סטיליזאציע, באקלאָגנדיקע, וויי-נענדיקע רעזאָניאָרישקייט, סענטימענטאלקייט, שפּאנענדיקייט און „סענ-סאציאָנעלקייט" אין דער פאבול („אינטריגע").

דער כאראקטעריסטישער הויפּט-שטריך פון דער דאָזיקער גרופּע פאָרם-אייגנשאפטן איז ראָמאַנטישע סענטימענטאלישקייט".

כאָטש ווינער וואָרנט, אז „די קעגנשטעלונג איז א דורכויס באדינג-לעכע", דאָך דאכט זיך, אז דערמיט טרעט די סכעמע ניט אָפּ פון איר דאָגמאַטישקייט. זי איז ניט גאָר אויסגעהאלטן אפילו פון שטאנדפּונקט פון באדינגלעכקייט.

ס׳איז שווער מאסקים צו זײַן מיטן טעזיס, אז מענדעלעס פּאָעטי־זירטע אלעגאָריק און עפּישע מאָלערײַ געהערן צו די „שטערנדיקע פאָרם־עלעמענטן״ און זײַנען פארבונדן מיט זײַן געזעלשאפט־אפּאָלאָגיע.

די אלעגאָריק שטאמט ניט בא מענדעלען פון זײַן „הילפלאָזי־קײַט״ און „פון יענע ווידערשפּרעכיקע מאָמענטן אין זײַן וועלט־אָנשויונג, וואָס שטערן אים צו גיין אין דער קריטיק ביז צום סאָף״. גיכער פאַר־קערט — זי איז געווען אן אויסדרוק פון זײַן קריטישער שטעלונג צו דער געזעלשאפט, אָנגעהויבן פון א „מינדסט פּאַרעצל, פון א סאָטסקע, א קווארטאלנע אוכעדוימע ביז עפּעס העכער״. מענדעלע האָט, פאַר־שטייט זיך, ניט געצילט אזוי ווײַט ווי סאלטיקאָוו־שטשעדרין, נאָר ס׳איז ביז גאָר כאראקטעריסטיש, וואָס מענדעלע רופט זיך איבער מיט סאלטי־קאָוו־שטשעדרינען ניט בלויז אין זײַן סאטירע פון די 60־ער און 70־ער יאָרן, נאָר אויך אין זײַן אלעגאָריק פון די 80־ער יאָרן.

די קליאטשע האָט ארויסגערופן בא ווינערן א סאך אסאָציאַציעס מיט מוסטערן פון דער וועלט־ליטעראטור. מע דארף אָבער אויך זען די אינערלעכע נאָענטקײַט, וואָס איז פאראן צווישן מענדעלעס קינסטלע־רישער אלעגאָריע „די קליאטשע״ — א סימבאָל פון דער סאָציאַלער און נאציאָנאלער אונטערדריקונג פון די ייִדישע פאָלקסמאסן אין צארישן רוסלאנד — און שטשעדרינס אלעגאָרישער דערציילונג «Коняга» — א סימבאָל פונעם אונטערדריקטן פּויערטום. זיי זײַנען שטארק נאָענט — מענדעלעס פּאריאַטע „קליאטשע״ און שטשעדרינס פאר־מוטשעטע „קאָניאגא״.

«Коняга лежит при дороге и тяжко дремлет... Коняга — обыкновенный мужичий живот, замученный, побитый, узкогрудый, с разбитыми ногами. Голову Коняга держит понуро, грива на шее у него свалялась; из глаз и ноздрей сочится слизь, верхняя губа отвисла, как блин...».

„די קליאטשע, נעבעך, איז געלעגן שטארק מיד אין דער בלאָטע. ווען זי זאָל ניט געווען מאכן מיט די זײַטן און סאָפּען, וואָלט מען זי־כער געמיינט, אז דאָ ליגט א נעווײלע, אזוי דאר, אזוי מאָגער איז זי געווען, נאָר הויט און ביין...

א העלדזעלע אַן אויסגעדייוועדטס, א גערגעלע מיט אַן אויסגעסטאַרטשעטן קנאָפּ, מיט פייעס פאַרפּלאָנטערטע, קאָלטענעוואַטע, אַן אָפן מויל, מיט אַן אַראָפּגעהאַנגענער ליפּ"...

סײַ די „קליאַטשע", סײַ דאָס „פערדל" שיידן זיך אין זייער לאַגע אונטער פון אַנדערע „איידעלע" פערד, פון פערד מיט א „ייִכעס-בריוו".

«Дремлет Коняга, а мимо него пустоплясы проходят. Никто, с первого взгляда не скажет, что Коняга и Пустопляс — одного отца дети... Пустопляса в теплое стойло поставили, соломки мяконькой постелили, медовой сытой напоили и пшена ему в ясли засыпали; а Конягу привели в хлев и бросили охапку прелой соломы: хлопай зубами, Коняга! А пить — вон из той лужи.»

און פונקט ווי מענדעלע זאָל טראַכטן וועגן זעלבן:

„דען איר מוזט וויסן, אַז בא פערד שפּילט ייִכעס א גרויסע ראָליע, בא זיי קוקט מען שטאַרק אַף איידל בלוט, און די, וואָס פון א גוטן זאַוואָד, הייסן איידל אָדער ווילגעבוירענע. די דאָזיקע איידעלע פערד האָבן זיך געפּיטערט פראַנק-און-פרײַ, זײַנען אויך געגאַנגען אין שאָדן, קאַליע געמאַכט די טוועס, וועלכע אָרעמע פויערים האָבן געזייט מיט שווייס...

אַז אַך און וויי איז דעם פערדל... שלעפּן שלעפּט עס זיך שטענדיק אַרום און האָרעוועט עפּשער נאָך מער פון יענע, וואָס פירן טײַערע סכוירע, און עסן, אָבער, עסט עס, נעבעך, מאַקעס"...

סאַלטיקאָוו-שטשעדרין האָט זײַן «Коняга» צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט אין «Русские ведомости» אין 1885 יאָר. מענדעלע האָט אָנגעשריבן די „קליאַטשע" אין יאָר 1873. דאָ האָבן מיר א קאָנקרעטן בײַשפּיל פון געשטאַלטן-ענלעכקײַט, וואָס איז געקומען ניט דורך אומיטלבאַרער באַווירקונג, נאָר אַדאַנק דער אידייִש-קינסטלערישער נאָענטקײַט פון צוויי שרייבער.

ס'איז ניט ריכטיק, אַז אין דער אַלעגאָריק ווי אין זײַן לעצטן פערײַאָד ברענגט מענדעלע „ניט אַרײַן קיין אינהאַלטלעך-נײַע שטריכן אין זײַן שאַפן". אין דער „קליאַטשע" האָט ער איבערגעשאַצט די טראַ-

דיציאָנעלע פּראָגראַם פון דער האסקאָלע. וויאַזוי קאָן מען ריידן מיטן פאָלק וועגן בילדונג, אז ס'איז הונגעריק און פארשמאכט? „קיין טאנץ גייט ניט פארן עסן" — אזא ענטפער באקומט דער קראנק-צעטומלטער מאסקיל יִסראָליק, ווען ער קומט צו דער קליאטשע מיט א שמועס „מיקויער בילדונג — האסקאָלע". די קליאטשע וויל ניט הערן פון קיין בורזשואז-מאסקילישער פילאנטראָפּיע. זי וויל ניט, מע זאָל אף איר ראכמאָנעס האָבן, זי פאָדערט רעכט אף א מענטשלעך לעבן: „איך בין גלייך מיט אלע, — זאָגט מיט רעכט דאָס דאָזיקע באשעפעניש, — פלייש און בלוט זיינען מיר אלע, אונדזערע באדערפעניש זיינען גלייך און איין רעכט אף צו לעבן האָבן מיר אלע". אין דער „קליאטשע" קומט צום אויסדרוק די סאמע ערשטע פאָדערונג פון די פאָלקסמאסן — די פאָדערונג פון פאָליטישער גלייכבארעכטיקונג.

ביטערע ווערטער זאָגט מענדעלע אין דער „קליאטשע" וועגן דער בורזשואזער „ציוויליזאציע".

„קוק אצינד, וועסטו זען קוימענס. דאָס רייכערן דאָרט גרויסע, הויכע קוימענס פון טויזנטערליי פאבריקעס: פאבריקעס פון הארמאטן, ביקסן און קאָלאמינע אנדערע קלייזיגען אף צו מאכן דעם טויט; פאבריקעס מער, ווי מע באדארף, אף צו פעלשן אין לעבן, און אויך פאבריקעס אזוינע, אף צו מאכן שמאָכטעס, וואָס עפּעס ניט אזוי שטארק נייטיק אין לעבן אריין; פאבריקעס צו דרוקן און פארשפרייטן אין דער וועלט גיך און געשווינד זייער פיל נארישקייטן — ליגנס, רעכילעס, בילבולים, וואָס ניט געשטויגן און ניט געפלויגן, סינע, קינע, נאָך און נאָך אזעלכע מינע זאכענישן און אלדאָס בייזע איינע אנטקעגן די אנדערע... קורץ און גוט — דאָס איז דער רויך פון דער ציוויליזאציע..."

מענדעלעס ווערטער וועגן „רויך פון ציוויליזאציע" אין דער קאַ-פּיטאליסטישער געזעלשאפט האָבן פארהיט זייער אופריכטיקע-קראפט ביז צו אונדזערע טעג. דער גרויסער פאָלקס-שרייבער האָט געגלייבט, אז צו די ליידן פון פאָלק וועט קומען א סאָף, ווען „נאָר עמעס און גערעכ-טיקייט אליין וועלן הערשן אף דער וועלט".

צום נייעם, וואָס מענדעלע האָט אריינגעבראכט אין זיין סטיל-פארמעגן זינט די 80-ער יאָרן, געהערט די עפּיק. מיט איר ווערט צעשטערט די מיינונג, אז דאָרט, ווו מענדעלע האָט ניט געהאט וואָס צו קריטיקירן, האָט ער אויך ניט געהאט וואָס צו שרייבן.

אין זײַן „שלוימע רעב כאַימס“ דערציילט מענדעלע, ווי באם האָרעפּאשנעם פּאָלק ווערט געשאפן פּאָלקס-קונסט — די מײַסע, די פּאָלקסליד, „די שארפע ווערטלעך און שפּיציקע שטעכווערטלעך“. פון דער דאָזיקער פּאָלקס-שאפונג האָט מענדעלע געשעפּט גאנצע אויצרעס סײַ פאר זײַן סאטירע, סײַ פאר זײַן עפּיק. ער דערציילט, ווי שלוימעלע האָט זיך פארבונדן מיט דער האָרעפּאשנער סוויווע, ווי אײַזיק דער שמיד און הערצל קיילעס דער סטאָליער האָבן געווירקט אף שלוימעלעס אנטוויקלונג, ווי זיי האָבן דערהאלטן אין אים דאָס „יונגע פײַערל“. דאָס דערציילט ער וועגן זיך אליין, ווי ער האָט, זינט דער פריִער יוגנט זײַנער, זיך פארבונדן מיט די שעפערישע קוילכעס פונעם פּאָלק. די דאָזיקע טיפע פארבינדונג האָט מענדעלע פארהיט ביז צום סאָף פון זײַן לעבן.

עמעס, אין דער „קליאטשע“ לאָזן זיך הערן איינצלנע נאַציאָנאַל-באגרענעצטע טענער. אין „ווינטשפינגערל“ פילן זיך עלעמענטן פון אידעאליזאציע פון אלטן ייִדישן שטייגער, אין „שלוימע רעב כאַימס“ זײַנען פאראן פיל זײַטלעך פון באלעבאטישן שניט. דאָס אפּאָלאָגעטישע טאָר ניט פארווישט ווערן, נאָר דאָס דאַרף ניט שטערן געבן די פּאַרדינטע אָפּשאצונג פון מענדעלעס שאפן זינט די 80-ער יאָרן, פּונקט ווי די „זמירעס“ און די פּאָעמע „דאָס ייִדל“ האָבן ניט געשטערט אָביעקטיוו אָפּשאצן זײַן שאפן אין די 60-ער און 70-ער יאָרן.

מיט 25 יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען אין א ביבליאָגראפישן ארטיקל „דער זעקסטער מענדעלע-באנד“ (וועגן דער וויסנשאפטאויסגאבע „שלוימע רעב כאַימס“) שרײַבן: „די יונגע סאָוועטישע מענדעלע-פאָרשונג האָט מערער פאנאנדערגעארבעט דאָס פרײַקע שאפן מענדעלעס, דעריקער די 60-ער—70-ער יאָרן, וואָרעם די דאָזיקע ערשטע פעריִאָדן פון מענדעלעס שאפן — אמיינסטן סאָציאַל-פארשארפטע און פּראָגרעסיווע — איז די בירגערלעכע קריטיק פארבײַגעגאנגען... אונדזער קריטיק שטעלט זיך אויך ניט קיין אויפגאבע פארטושירן דאָס פּאָזיטיווע, דאָס געזונטע, וואָס איז דאָך פארבליבן בא מענדעלען אין זײַן לעצטן פּעריִאָד. באזונדערס וואָלט נייטיק געווען זיך אָפּשטעלן ברייטער אפן פּאָזיטיוון ווערט פון „שלוימע רעב כאַימס“ — איינס פון די באדײַטנדיקסטע ווערק אין דער ייִדישער ליטעראטור, וואָס ווערט איצט נאָכאמאָל אונטערגעטראָגן דעם סאָוועטישן לייענער“.

4*

— ניט נאָר „שלוימע רעב כאַימס'‟, — האָט געזאָגט ווינער, איבערלייענענדיק דאָס דאָזיקע אַרטיקל, — אויך „די קליאַטשע‟, אויך „דאָס ווינטשפינגערל‟ וואַרטן נאָך אויף זייער אַלזײַטיקער פאַרשונג.

* * *

וועגן זײַנע אייגענע אַרבעטן האָט מייער ווינער זיך אָפּגערופן באַשיידן — „אַ שטיקל צושטײַער‟, „עטלעכע בוי-שטיינער‟ פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס דאַרף ערשט אָנגעשריבן ווערן.

און ס'וואָלט צײַט געווען, האָט ער געהאַלטן, אַז אונדזערע סאָוועטישע ליטעראַטור-פאָרשער זאָלן זיך קאָלעקטיוו נעמען צו דער דאָזיקער אַרבעט.

אײנעם קאָלעקטיוו, וואָס האָט זיך סאַף דרײַסיקער יאָרן גענומען לויט זײַן איניציאַטיוו צום שרײַבן די געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט זיך אויך באַטייליקט אַ ריי יונגע ליטעראַטור-פאָרשער.

די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן גליקלעך, אָבער גאָר אינגיכן זיך געמוזט איבעררײַסן — ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע.

ווינערס פונדאַמענטאַלע „בוי-שטיינער‟ זײַנען געבליבן אין די ניט דערבויטע ווענט פֿון אונדזער ליטעראַטור-געשיכטע.

...ס'האָבן שוין אויף דער סאָוועטישער ערד געבערנט די בליִענדיקע שטעט, ווו-ניט-ווו האָבן שוין געווילדעוועט די דײַטשישע ראָצכים, געטריבן צו די טויט-גריבער פּרויען, קינדער און זקיינים.

מייער ווינער האָט געשריבן זײַן לעצט אַרטיקל: „ניטאָ קיין שענערע זאַך, ווי צו קעמפן פֿאַר אונדזער פאָטערלאַנד! ניטאָ קיין מער טײַערע זאַך אויף אָנקצוגעבן דערפֿאַר דאָס לײַב-און-לעבן‟.

דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר אים געזען ניט לאַנג פֿאַר זײַן פרײַוויליקן אוועקגיין אין „אָפּאָלטשעניע‟. אין יענע אומרויִקע טעג האָט ער אויסגעזען אַזוי, ווי ער האָט טאַקע געפֿאָדערט פֿון יעדן מענטשן: דאָס בעסטע, דאָס איידלסטע, דאָס דערהויבנסטע פֿון געמיט צונויפֿגעזאַמלט ווי אין אַ פויסט...

נאָכדעם האָט מען אונדז דערציילט, ווי ער האָט זיך געזעגנט מיט זײַן איין-און-איינציק קינד, ווי ער האָט עס לאַנג געדריקט צום האַרצן,

דאָס שוואַרצכיינעוודיקע מיידעלע, צוזאָגנדיק, אַז ער וועט זיך אײַנגיכן אומקערן און ברענגען אַ מאַטאָנע — „אַ שיין רויט פּענדעלע פון ני־צאָכן“...
נאָר ווינער האָט זיך ניט אומגעקערט. ער איז אוועק באַשיצן אונדזער פּאַטערלאַנד, פאַר וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן זײַן ליִב־און־לעבן.

1961

„דאָס געוויסן פון אונדזער קריטיק“

עזרא פינינבערג האָט אָנגעשריבן אַ ליד וועגן אַרן גורשטיינען, דעם ליטעראַטור־קענער און קריטיקער, וואָס איז אָנהייב מילכאָמע פרײַוויליק אוועק אין „אָפּאָלטשעניע“ און אויפן 46־טן יאָר פון זײַן לעבן געפאַלן ערגעץ לעבן מאָזשײַסק.
ס'איז אַ ליד וועגן פאַרלוסט פון אַ פרײַנט, וואָס האָט געקאָנט „די וווּנד די טיפסטע הײַלן“, געקאָנט „אַרויסציִען פון ערגסטן און פון בייזסטן“ און „מיט גוטן שמייכל טרייסטן“.
מיט אויגן, וואָס „וויינען און ניט וויינען“, האָט פינינבערג געלייענט אַט די ליד פאַר זײַנע כאַווירים און יעדערן פון זיי מיטגעריסן מיט זײַן בענקשאַפט־געפיל נאָך גורשטיינען:

> קומט, פרײַנט, לאָמיר אַלע איצט פונדאַנען אײַנייִנעם,
> קומט, לאָמיר אַלע איצט אַרײַנגיין צו גורשטיינען.
>
> . . . .
>
> אין שפּעטער נאַכט־שאָ, כאָטש ער איז שוין לאַנג פאַרמאַטערט,
> ער וועט דערציילן וועגן מענדעלען און וועגן ייִדישן טעאַטער.

ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש אַט דאָס בילד פאַר גורשטיינען, און ס'ווילט זיך פון דעם ווײַטער פאַרזעצן זײַן ליטעראַרישן פּאָרטרעט.
דער מענטש, וואָס ווערט ניט מיד אין שפּעטער נאַכט־שאָ צו דערציילן וועגן מענדעלען און וועגן ייִדישן טעאַטער, קוקט מיט ליבע

אויגן דורך ליטעראַרע ברילן-פּענצטערלעך, ער רעדט שטיל, מיט אַ מילדן שמייכל, מיט עפּעס אַ מין באַזונדערן פּיעטעט צו וויסנשאַפט.

דער אָרגאַנישער דערעכערעץ צו וויסנשאַפט איז צו אים געקומען נאָך אין דער יוגנט. צו 18 יאָר פאַרענדיקט ער די ווילנער גימנאַזיע. צו 21 קומט ער אָן אין פּעטראָגראַדער אוניווערסיטעט אויפן פאַקולטעט פון מיזרעך-שפּראַכן. איינצייטיק איז ער אַ צוהערער פון ייִדישע אָוונט-קורסן.

אין 1921 קומט גורשטיין קיין מאָסקווע, ווו ער ווערט אַ צוהערער אויף דער אַראַבישער אָפּטיילונג פונעם אינסטיטוט פאַר מיזרעך-שפּראַכן, פאַרענדיקט די אַספּיראַנטור פונעם אינסטיטוט פון שפּראַך און ליטעראַטור („ראַניאָן").

איך געדענק אים גוט זינט די דרייסיקער יאָרן. אָפט פלעג איך אים זען ניט איין מאָל, נאָר פיל מאָל אין טאָג — אינדערפרי געהערט זיינע לעקציעס פאַר סטודענטן אינעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אָדער זיך געטראָפן מיט אים אין דער טעאַטער-שול אויף מיכאָעלסעס נאָמען, ווו מיר האָבן פיל יאָרן געאַרבעט צוזאַמען, אין די אָוונטן פלעגן מיר זיך טרעפן אויף די שרייבער-פאַרזאַמלונגען; איך האָב אויך ניט איין מאָל געהאַט דאָס גליק צו הערן אים אין אַ שפּעטער נאַכטשאָ, ווען ער האָט דערציילט וועגן זיידן מענדעלע אָדער ייִדישן טעאַטער...

ער פלעגט אויסזען פאַרמאַטערט פון אַ טאָג ליטעראַריש-וויסנשאַפטלעכער אַרבעט: כוץ לעקציעס, פאַרנעמט ער זיך מיט רעצענזירן און רעדאַגירן ביכער, ער איז אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער פון דער ליטעראַרישער און פון דער גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיעס, גיט זיך אָפּ דער אַרבעט אינעם אָפּטייל פון קריטיק און ביבליאָגראַפיע פון דער צייטונג „פּראַוודאַ"...

זיינע אָפּהאַנדלונגען און עסייען דערשיינען אין באַזונדערע אויסגאַבן, דרוקן זיך אין די שריפטן פון דער ווייסרוסישער און אוקראַינישער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיעס. זיינע אַרטיקלען באַווייזן זיך אין „פּראַוודאַ" און אין רוסישע זשורנאַלן.

גורשטיינס וואָרט איז געווען זייער אויטאָריטעט פאַר שרייבער און וויסנשאַפטלער. אין די דרייסיקער יאָרן באַטייליקט ער זיך אַקטיוו אין די הייסע ליטעראַרישע שטרייטן. מע הערט זיך צו צו זיין קרי-

טיק, סײַ ווען זי איז געווענדט קעגן פאַלשע אײַנשטעלונגען און טעאָריעס, סײַ ווען זי פּראָפּאַגאַנדירט די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־קענטעניש.

אין 1931 האָט גורשטיין אַרויסגעגעבן זײַן בוך „פראַגן פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־קענטעניש". ס'איז געווען דאָס ערשטע ווערק אין ייִדיש, וואָס האָט געפּרווט באַקאַנען דעם לייענער אין א סיסטעמאַטישער פאָרם מיט די גרונט־האַנאָכעס פון מאַרקסיזם אפן געביט פון ליטעראַטור. דאָס בוך איז דערשינען אויך אין רוסיש.

וויאַזוי גורשטיין האָט זיך געקאָנט פון אַרבעט צו אַרבעט פאַרטיפערן אין מעטאָדאָלאָגישע פראַגן, איז באַזונדערס צו זען אינעם בוך „פּראָבלעמען פון קריטיק", וועלכן ער האָט אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט זײַן פרײַנט מייער ווינער.

אַרן גורשטיין האָט געאַרבעט באַנאַנד מיט סאָוועטישע ליטעראַטור־קענער, וועלכע זײַנען געוואָרן די גרונטלייגער פון דער ייִדישער מאַרקסיסטישער קריטיק. מיר דערנעענטערן זיך צו דער גרויסער דאַטע — 50 יאָר אָקטיאַבער, און ס'איז קעדײַ צו דערמאָנען מאַקס עריקס ווערטער: „די ייִדישע מאַרקסיסטישע קריטיק איז א קינד פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע... מיר האָבן ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע ניט געהאַט קיין מאַרקסיסטישע קריטיק אין דער ייִדישער שפּראַך".

גורשטיין האָט איינער פון די ערשטע באַמערקט די נײַע שטריכן פון דער מאָדערנער, נאָכרעוואָליוציאָנערער ייִדישער ליטעראַטור־פאָרשונג.

כאַראַקטעריסטיש איז גורשטיינס פלוגבלעטל „וועגן אונדזער קריטיק", וואָס ער האָט אָנגעשריבן נאָך אין 1924.

דער ערשטער שטריך פון דער ייִדישער סאָוועטישער קריטיק באַשטייט, לויט גורשטיינס מיינונג, אין דעם, וואָס זי איזאָלירט ניט די ליטעראַרישע פאַקטן פון זייער סאָציאַל־קולטורעלן ווידעראַנאַנד, פון זייער סאָציאַלן אונטערבאָדן און מאָקער. דער אָנזאָגער פון אַזאַ סאָציאַלער שליכעס פון דער ייִדישער קריטיק איז געווען מוישע ליטוואָקאָוו. „זאָל עס דאָ פאַרצייכנט ווערן, — האָט געשריבן גורשטיין, — אַלס מוישע ליטוואַקאָווס גרעסטער פאַרדינסט און אופּטו".

גורשטיין פאַרשטייט, אַז די ליטעראַטור האָט איר ספּעציפיק, וועלכע מע טאָר ניט איגנאָרירן. וואָרנט גורשטיין קעגן צוויי עקסטרעמ-

קײַטן — פֿון איין זײַט, קעגן דער „אַסקעטישער נעטיִע אָפּצוזאָגן זיך פֿון דעם אינהאַלט פֿון דער פֿאָרם", און פֿון דער צווייטער זײַט — קעגן פֿאָרמאַליסטישער דאָגמאַטיק.

דערין האָט גורשטיין געזען די נײַע סימאָנים פֿון „פֿרילינג־צײַט" אין דער נאָכאָקטיאַבערישער ייִדישער קריטיק, סימאָנים פֿון נײַעם „קריטיק־שטייגער".

זײַן בלעטל „וועגן אונדזער קריטיק" האָט גורשטיין באַצייכנט אַלס „פּרינציפּיעלן פּאַמפֿלעט". די קאָנצעפּציע איז געווען נײַ און שלאָגעוודיק. אין איר איז געקומען צום אויסדרוק גורשטיינס ערשטע פֿאָרשטעלונגען וועגן דעם סאָציאַלן באַרוף פֿון דער נײַער קריטיק.

פֿאַרוואָס האָט מען זיך אַזוי צוגעהערט צו גורשטיינען אַלס קריטיקער? דערפֿאַר, ווײַל מע האָט געוווּסט, אַז זײַן וואָרט איז באַטראַכט און אָפּגעוווויגן, אויסגעטראָגן און ערלעך, קומט ניט פֿון נערוון־שפּיל, נאָר פֿון ריכטיקע אָביעקטיווע קריטעריִען; דערפֿאַר, ווײַל דער קריטיקער איז געווען אַלעמאָל ביזן סאָף פּרינציפּיעל.

ס'איז טאַקע געווען אַן עמעסער פֿאַרגעניגן צו הערן, וואָס גורשטיין פֿלעגט דערציילן וועגן מענדעלען און וועגן ייִדישן טעאַטער...

ער האָט גוט געקענט די עפּאָכע פֿון די 60־ער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט. ווען מיר האָבן געלייענט זײַנע אַרבעטן, האָט זיך אַלעמאָל געדוכט: אַ לעבעדיקער איידעס דערציילט וועגן יענער צײַט.

גורשטיין האָט אָפֿט דערציילט וועגן פֿאַקטן, וואָס זײַנען נאָך ניט געווען באַקאַנט אונדזערע פֿאָרשער. אַן אַנדערשמאָל האָט ער אויפֿגעדעקט די „לינקע" זײַט פֿון דער אָדער אַנדערער ליטעראַרישער אָדער טעאַטראַלער דערשײַנונג. אַזאַ, לעמאָשל, איז געווען זײַן מיטיילונג וועגן גאָלדפֿאַדנס טעאַטער־שטייגער אינעם אַרטיקל „די לינקע זײַט", אָפּגעדרוקט אין דער זאַמלונג „טעאַטער־בוך", געווידמעט דעם פֿופֿציקיאָריקן יובילײַ פֿונעם ייִדישן טעאַטער (קיִעוו, 1927). גורשטיין שטעלט אויף די אַטמאָספֿער, אין וועלכער ס'איז גאָלדפֿאַדענען אויסגעקומען צו שפּילן ייִדיש טעאַטער.

אין זײַן אַרבעט „דער יונגער מענדעלע אין קאָנטעקסט פֿון די 60־ער יאָרן (שטריכן)"[1] דערציילט גורשטיין וועגן דער מערקווירדיקער

[1] „שריפֿטן", ערשטער באַנד, קיִעוו, 1928, ז. 180 — 199.

פיגור פון מענדעלע מוכר-ספרים („מענדעלע דער מוכר-ספרים איז געווען ווי א שטענדיקע דערמאָנונג, וואָס האָט געצוווּנגען דעם קינסטלער צו זײַן שטענדיק וואַך און געלערנט אים די קונסט פון מעסטן און פון וועגן"), וועגן מענדעלעס „ניט דאָס בין איך אויסן", וועגן מענדעלעס „אָפּווײַכונגען" און „אַסאָציאַטיוון" פּרינציפּ („ווען עפּעס א וואָרט „דערמאָנט", שטויסט אָן מענדעלען אַף א „שכיינעסדיקער" סיטואַציע... אַף „א מעשׂה איבער א מעשׂה"), וועגן דער ראָליע פונעם פּייזאַזש, וועגן מאָמענטן פון פּאַראָדיע, וועגן די טעמאַטישע רינגען און וועגן דעם, ווי מענדעלע גייט צום סוזשעט מיט די פּילצאָליקע „אומוועגן" פון דער ליטעראַרישער „וועסנע-צײַט"...

גורשטיין האָט צום ערשטן מאָל אַף א נײַעם אויפן געווענדט די אויפמערקזאַמקײַט אַף דער ליטעראַרישער טראַדיציע פון דער „וועסנע-צײַט" אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון די 60-ער יאָרן, פאַרוואַנדלענדיק די דאָזיקע באַצייכענונג אין א ברייטן באַגריף. ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז די „וועסנע-צײַט" האָט „פריִער פאַר אַלץ באַטײַט א מאַניפעסטאַציע פון א געוויסן מאָסן-אויפבראַז פון יווירנדיקע און וואַקסנדיקע סאָציאַלע קויכעס". אַף קאָנקרעטע בײַשפּילן האָט ער באַוויזן, ווי „אין דעם ליטעראַרישן באַוווּסטזײַן פון יענער צײַט האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין די קעמפערישע טענדענצן קעגן דעם אַלטן לעבנסשטייגער און אין דער שטרעבונג צו בויען, צו בײַטן, צו ענדערן".

באַדײַטפול איז געווען די אָנווײַזונג וועגן דעם, אַז „דער יונגער מענדעלע האָט אין זיך טיף אײַנגעזאַפּט די שטימונגען פון דער רוסישער ליטעראַטור (און פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקײַט) פון זײַן צײַט". און ווײַטער: „די דאָזיקע רוסישע ליטעראַטור-סוויווע איז געווען פאַר מענדעלען א מין „טראַנזיט"-סוויווע אויך פון אייראָפּעיִשע אײַנפלוסן".

גורשטיינס אַרבעט וועגן יונגן מענדעלען האָט פאַרשטאַרקט אין אונדזער פאָרשונג דעם אינטערעס צום ליטעראַרישן פּראָצעס פון די 60-ער יאָרן. זי האָט אָנגערעגט די געדאַנקען אַף ווײַטערדיקע אויספירן און פאַראַלגעמיינערונגען. זי האָט געשטויסן דעם פאָרשער צו באַטראַכטן מענדעלעס שאַפן ניט איזאָלירט פון דער טראַדיציע פון די 60-ער יאָרן, פון דער „וועסנע-צײַט". זי האָט געפירט צו ווײַטערדיקע דורענדיקע פאָרשערישע אָנשטרענגונגען. אין צוזאַמענהאַנג מיט

מענדעלעס צענטן יאָרצײַט איז אופגעקומען א היפשע ליטעראטור וועגן דעם ײדן פון דער ייִדישער ליטעראטור, אין וועלכער עס זײַנען באַרירט געוואָרן וויכטיקע פראָבלעמען. אין די דאָזיקע ארבעטן וועגן מענדעלען האָט גורשטײן אײַנגעזען „א נײַעם ווענדפונקט אין שטודירן מענדעלעס שאפן". ער האָט פארעפנטלעכט א גרעסער ווערק „סאָ-כאַקלען פון דער מענדעלע-פאָרשונג" (אין מינסקער „צײַטשריפט", ב. 2 — 3), און איבערזיכט „אונדזער מענדעלע-ליטעראטור" (אין „עמעס", 1928). גורשטײן האָט ניט בלויז פארצייכנט א ריי גרעסערע און קלענערע היסטאָריש-ליטעראַרישע ארבעטן, וואָס באַרירן באַזונדערע מאָמענטן אין דעם ײדנס שאפן. ער האָט ארויסגעזאָגט די האשאָרע, אז אפן וועג פון „באַזונדערע (מאָנאָגראַפישע) שטודיעס וועלן מיר סאָפקאָלסאָף קומען צו יענעם סינטעטישן באנעם פון מענדעלעס שאפן, צו וועלכן עס שטרעבט אין איר ענדציל די מענדעלע-פאָרשונג. דאָס איז א לאנגע און שווערע ארבעט, אָבער שוין אצינד קאָנען אופגעבויט ווערן די אײנצלנע קאָנטורן פון דער דאָזיקער קומענדיקער אלגעמײ-נער מענדעלע-כאראקטעריסטיק".

ארן גורשטײן האָט געטרוימט וועגן דער קימענדיקער ארבעט פון „גאנץ מענדעלע". בעשײַטע האָט זיך די סאָוועטישע פאָרשונג פריער פאר אלץ גענומען דערלערנען דעם אמײנסטן פאָרגעשריטענעם פעריאָד פון מענדעלעס שאפן — די 60-ער און 70-ער יאָרן. אָט דער פעריאָד איז ווייניק געווען באַלויכטן, און אין דערלערנען דאָס שאפן פון יונגן מענדעלע האָט זיך די סאָוועטישע פאָרשונג דערשלאָגן גרויסע דערגרײכונגען.

עס זײַנען געשאפן געוואָרן אזעלכע פונדאמענטאלע ארבעטן וועגן מענדעלען, ווי מײער ווינערס. אָבער אפילע ווינער האָט זיך אָפגעשטעלט בא די 80-ער יאָרן, איבערלאָזנדיק בלויז אײניקע טעזיסן, וואָס „אין טאָך איז עס, ווי עס ווײַזט אָן מאקס עריק, א מין פראָגראם פאר דער ווײַטערדיקער פאָרשונג פון מענדעלעס קינסטלערישער סיסטעם" („עמעס", נומ. 25, 1936).

און אין דער ווײַטערדיקער פאָרשונג האָט זיך אקטיוו באטײליקט גורשטײן. אונטער זײַן רעדאקציע איז דערשינען די פרעכטיקע וויסנ-שאפטלעכע אויסגאבע „שלוימע רעב כאַימס" מיט דער האקדאָמע „אין יענער צײַט", מיט די צוגאָבן פון דער ניט-פארענדיקטער צווייטער

סעריע פון דעם ווערק (1910 — 1914), מיט די פראגמענטארישע זיכ־רוינעס, וואָס מענדעלע האָט פארעפנטלעכט די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן (1913 — 1917), און מיט די אלע אווטאָביִאָגראפישע און פּובלי־ציסטישע מאטעריאלן, וועלכע מענדעלע האָט אָנגעשריבן אין ייִדיש און העברעיִש.

פאַר אונדזער פאַרשונג שטייט נאָך די אויפגאבע צו שאפן א מאָ־נאָגראפישע ארבעט פון „גאנץ מענדעלע". אויספילנדיק דעם דאָזיקן כּיוון, וועט זי געדענקען די אָנווײַזונג פון ארן גורשטיינען וועגן דעם, אז אלע ווערק מענדעלעס „וויקלען זיך פאנאנדער איינס פונעם צווייטן: שטעלט זיי אויס אין איין ריי, און מיר וועלן זען, אז יעדעס נײַ ווערק איז דאָ א געוויסע פאָרזעצונג, און אלע אינײנעם בילדן זיי א געוויסע איינהײַטלעכקײַט".

יעדער פאָרשער האָט זיך זײַן וויכטיקסטע טעמע. גורשטיינס טעמע פון אלע טעמעס איז געווען מענדעלע. באדײַטנדיק זײַנען אָבער אויך זײַנע ארבעטן וועגן שאָלעם-אליכעמען און י.-ל. פּערעצן.

ארן גורשטיינס פּאָפּולערע מאָנאָגראפיע „שאָלעם-אליכעם, זײַן לעבן און שאפן"[1] איז אינטערעסאנט פאר יעדן לייענער, בעסויכעם פארן ליטעראטור-קענער.

אין דער קליינער מאָנאָגראפיע ווערט געזאָגט ניט ווייניק. ס'איז א קווינטעסענץ פון די דערגרייכונגען פון דער שאָלעם-אליכעם-פאָרשונג. אין אָט דער ארבעט איז צו זען די גרונט-אייגנשאפט פון גורשטיינס סטיל — דעם סינטעז פון צוגענגלעכקײַט און שטרענגער וויסנשאפט־לעכקײַט. עס זײַנען דאָ געגעבן סאכאקל-טעזיסן פון דער ייִדישער סאָוועטישער פאָרשונג, וואָס „אונטער דער אויבערפלאך פון שאָלעם־אליכעמס הומאָריסטישע „מײַסעס" האָט זי אנטדעקט און דערזען דעם טיפן סאָציאלן ווערט און באטײַט פון שאָלעם-אליכעמס שאפן".

ארן גורשטיין האָט איינער פון די ערשטע געשטעלט די פּראָב־לעם פון א וויסנשאפטלעכער ביִאָגראפיע פון די ייִדישע קלאסיקער אין איר גאנצן פארנעם. אין פארבינדונג דערמיט איז באזונדערס באלערנוו־דיק זײַן ארבעט וועגן י.-ל. פּערעצעס ביִאָגראפיע[2]. נעמענדיק זיך פאר

[1] דערשינען אין ייִדיש און אין רוסיש.

[2] א. גורשטיין. דער איצטיקער צושטאנד פון פּערעצעס ביִאָגראפיע (וועגן די פארעפנטלעכטע מאטעריאלן פון פּערעצעס ביִאָגראפיע), „צײַטשריפט", 1926.

אָט דער אַרבעט, האָט גורשטיין אײַנגעשטעלט אַ סיסטעם, זיך געווענדט צו אורקוואַלן, צוגעצויגן אויטאָביאָגראַפֿישע מאַטעריאַלן, פּערעצעס „מײַנע זכרונות" און בריוו, ביבליאָגראַפֿיע פֿון פּערעצעס ווערק און די מעמואַרן-ליטעראַטור.

דער יִראס-האַקאָוועד פֿאַר פּערעצעס פּערזענלעכקײַט האָט אים געפֿירט צו אַן ערנסטן שטודיום. פֿון די צאָלרײַכע ביאָגראַפֿישע ידיעות וועגן פּערעצן, וואָס זײַנען „צעזייט און צעשפּרייט", האָט גורשטיין אַרויסבאַקומען דאָס וויכטיקסטע און כאַראַקטעריסטישע. גאַנצע הויפֿנס מאַטעריאַל האָט ער איבערגעקליבן און סיסטעמאַטיזירט. גורשטיין האָט צעשטערט די פֿאַרײַנפֿאַכנדיקע שאַבלאָן-טראַדיציע, וואָס האָט צוגעווײנט טײלן פּערעצעס לעבן און שאַפֿן אויף פּעריאָדן, וועלכע פֿלעגן קומען קלוימערשט „פֿאַרבײַטן איינער דעם צווייטן מיט פּלאַנמעסיקער פּינקטלעכקײַט".

גורשטיין האָט געריפֿן דעם געוויסנהאַפֿטיקן ביאָגראַף „פּאָרזיכטיק, טראָט נאָך טראָט... זיך באַמיִען אונטערשיידן די גרונט-ליניע צווישן די פֿילצאָליקע זיגזאַגן פֿון פּערעצעס פּערזענלעכקײַט". דערבײַ האָט ער אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז „יעדנפֿאַלס וועלן די גרענעצן פֿון די באַזונדערע פּעריאָדן פֿון פּערעצעס ביאָגראַפֿיע מוזן גיין האַרב בײַ די גרענעצן פֿון די אַלגעמיין-געזעלשאַפֿטלעכע דערשײַנונגען, וועלכע בילדן אייגנטלעך דעם גרונט-טאָן פֿון די באַזונדערע מאָמענטן אין לעבן פֿון דער שעפֿערישער פּערזענלעכקײַט".

ווי ווײַט איז דאָ גורשטיין פֿון יענעם מין ביאָגראַפֿן, וואָס האָבן געקליבן היספּײַלעס פֿון פּערעצעס „סמאָקינג" און „לאַקירטע שיך", פֿאַרזעענדיק דאָס וויכטיקסטע פֿון דער קאָמפּליצירטער פּערעץ-פּערזענלעכקײַט.

גורשטיין האָט געריפֿן אונדזערע וויסנשאַפֿט-טוער, זיי זאָלן זייער פֿאָרשונג-אַרבעט איבער די מאַטעריאַלן וועגן דער ייִדישער קלאַסיק טיף און קריטיש פֿאַנאַנדעראַרבעטן און אַזוי אַרום שאַפֿן עכט וויסנשאַפֿטלעכע ביאָגראַפֿיעס פֿון די קלאַסיקער.

מיט אַ באַזונדער פֿילבאַרקײַט און אויפֿמערקזאַמקײַט האָט זיך אַרן גורשטיין באַצויגן צו דער שאַפֿונג פֿון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער.

אין דעם ניסטער האָט ער דערזען איינעם פון די קוואַלן, פון וועלכן עס האָט זיך גענערט די נײַע ייִדישע פּאָעזיע (ל. קוויטקאָ, ל. רעזניק, ע. פֿינינבערג). ער האָט אַרויסגעזאָגט טיפֿע געדאַנקען וועגן דעם ניסטערס סטיל, אין וועלכן עס קרייצן זיך איבער האַשפּאָעס פון נאָכמען בראַצלאַווערס מײַסעאַרטיקע דערציילערישקײַט און פון פּערעצעס סימבאָלישקײַט, פון ביבלישער סטיליזאַציע און מיטלאַלטערלעכן ייִדישן פֿאָלקלאָר. ער האָט דערציילט וועגן דעם ניסטערס אינערלעכן שטרײַט מיט זיך אַליין, מיט פאַרשיידענע טראַדיציעס און ווירקונגען, מיט וועלכע ער, דער ניסטער, האָט זיך געטראָפן אַף זײַן וועג צו דער גרויסער רעאַליסטישער קונסט.

פון די דיכטער איז גורשטיינען באַזונדערס געווען נאָענט עזראָ פֿינינבערג, וועמען ער האָט טיף געפֿילט און, ווי מיר דוכט, פאַרשטאַנען מער פון אַלע. גורשטיין איז געווען אַנציקט סײַ פון פֿינינבערגס עפּישן געמעל, סײַ פון זײַן אופגערודערטער זינגעוודיקײַט. אין זײַער בלויער טאָנאַלקײַט פון פֿינינבערגס פרײַקן געזאַנג האָט ער דערשפּירט בלאָקס ווירקונג; אין אייניקע פֿינינבערגס באַליבטע בילדערישע טעמעס און געשטאַלטן („מידבער", „דער גייער") האָט ער געזען דעם איבערוף מיט שוואַרצמאַנען און מיט דעם ניסטער אַאוו. מיר געפֿינען בא גורשטיינען אַן אינטערעסאַנטע דערקלערונג, וויאַזוי פֿינינבערגס ליד האָט געזוכט אַן אויסוועג אין מוזיקאַלישער סטיכיי, וואָס הערשט איבער דער מאָלערישער. קורץ, פֿינינבערגס דיכטונג האָט ער געקענט אין אַלע אירע „פענאָמענען", אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען, געזען די פעדעם, וואָס פאַרבינדן זי מיט דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע און מיט דער אַלמענטשלעכער קולטור.

אַרן גורשטיין האָט באַקאַנט געמאַכט דעם רוסישן לייענער מיט די דערגרייכונגען פון דער ייִדישער ליטעראַטור. נאָך זײַן אַרטיקל „וועגן דעם ניסטערס ראָמאַן „מישפּאָכע מאַשבער"" „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" פון 30 יון 1940) איז דער ניסטער „ניסגאַלע" געוואָרן פאַרן ברייטן פּילנאַציאָנאַלן לייענער...

„סאַמויל האַלקינס לידער" — אַזוי הייסט דאָס אַרטיקל, וואָס גורשטיין האָט אָפּגעדרוקט אינעם זשורנאַל „ליטעראַטורני קריטיק" (1938, נומ. 11). דאָס אַרטיקל האָט מיטגעהאָלפן דערקענען האַל-

קינס טיפקייט פון געדאנק און געפיל, זיין כוש פאר וואָרט און זיין ווירטואָזישע מייסטערשאפט.

„נאָר האלקין, אין קעגנזאץ צו אנדערע לּיריקער, — האָט גור-שטיין אופמערקזאם געמאכט דעם לייענער, — פארשליסט זיך ניט אי-נעם קרייז פון איידעלע, ראפינירטע עמפינדונגען. ער פארוואנדלט ניט די גרויסע וועלט, וואָס רינגלט אונדז ארום, אין א פאָעטישן מיק-ראָסקאָפּ. זייער א פילבארער צו האלבע טענער און קוים אופנעמבארע עמפינדונגען, ווייסט אָבער האלקין דעם כילעק צווישן דער מאָס פון גרויס און קליין. ווי אן עכטער דיכטער, איז ער אלעמאָל באהערשט פון א גרויס מענטשלעך געפיל".

דאָס באוווסטזיין, אז א קריטיקער דארף שטענדיק זארגן וועגן דער אנטוויקלונג פון דער לעבעדיקער ליטעראטור, האָט געשטויסן א'רן גורשטיינען זיך צו נעמען פאר די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. גור-שטיין האָט אָפּגעגעבן אופמערקזאמקייט פראגן פון נאציאָנאלער פאָרם און קעגנזייטיקער ווירקונג פון די נאציאָנאלע ליטעראטורן.

אין אונטערשייד פון יענע, וואָס באטראכטן די נאציאָנאלע פאָרם ווי אן איין מאָל פאר אלע מאָל איינגעשטעלטע, אָפּגעזעצטע, פארגלי-ווערטע און אין זיך זעלבסט איינגעשלאָסענע קאטעגאָריע, האלט גור-שטיין, אז די נאציאָנאלע פאָרם אין דער ליטעראטור און קולטור איז א היסטאָרישע קאטעגאָריע, וואָס ענדערט זיך „אין פארבינדונג מיט יענע ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אינעם לעבן פון דער געזעל-שאפט"...

און ווייטער: „דאָס עכט נאציאָנאלע איז אלעמאָל א רעזולטאט פון א גרויסער און דויערנדיקער היסטאָרישער אנטוויקלונג, אין וועלכער די אינטערנאציאָנאלע אופווירקונג שפּילט א קאָלאָסאלע ראָליע".

וואָס שייך דער פּראָבלעם פון קעגנזייטיקער ווירקונג פון די נאציאָנאלע ליטעראטורן, האָט גורשטיין געשריבן: „קוידעמקאָל און בא-זונדערס בוילעט אנטפּלעקט זיך די קעגנזייטיקע ווירקונג פון פאר-שיידענע אונדזערע ברידערלעכע ליטעראטורן אין די אזויגערופענע „רעאליעס" (באזונדערס אין טיפּאזש און אין די מאָטיוון). דערפאר ווייל די „רעאליעס" שפּיגלען דאָך אומיטלבאר אָפּ די פּראָצעסן פון לעבן, אָבער אויך די שפּראך און די ליטערארישע טראדיציע פּילט אָן

זיך אין א גרויסער מאָס די ווירקונג פון די אנטשפּרעכיקע עלעמענטן פון אנדערע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן"[1].

די סאָוועטישע קריטיק וועט זיך נאָך ניט איין מאָל אומקערן צו אָט די וויכטיקע פּראָבלעמען.

אַרן גורשטיין איז פאַרבליבן אינעם זיקאָרן פון אונדזער ליטעראַרישן דאָר ווי א ליכטיקע פּערזענלעכקייט, וואָס דערמאָנט מיט אייניקע שטריכן אָשער שווארצמאַנען; ווי אָשער שווארצמאַן, איז ער הארמאָניש אלס מענטש און שעפער; ווי שווארצמאַן, האָט ער אָפּגעגעבן דאָס לעבן פאַרן סאָוועטישן היימלאַנד; ווי שווארצמאַן, איז ער געוואָרן א טעמע פון קינסטלערישן שאַפן.

ווי ער האָט געקאָנט זיך פרייען מיט די שעפערישע דערפאָלגן פון זיינע כאַווערים! איך געדענק, מיט וואָס פאַר א היספּײלעס ער האָט גערעדט און געשריבן וועגן פיניבערגס ניצאָכן — דער גלענצנדיקער איבערזעצונג אָף יידיש פון געטעס „פאַוסט": „פיניבערג האָט געפונען אן אדעקוואטע פּאָעטישע שפּראַך אָף איבערגעבן אין די ראַמען פון א צווייטער קולטור איינס פון די גרעסטע ווערק פון דער וועלט-ליטעראַטור. דאָס איז א גרויסער, א גלענצנדיקער ניצאָכן פונעם דיכטער פיניבערג און איינצייטיק א גרויסער, א גלענצנדיקער ניצאָכן פון דער יידישער סאָוועטישער פּאָעזיע, וואָס איז אויסגעוואַקסן און זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אָף דער פרוכטבארער סאָוועטישער ערד אונטער דער זון פון אָקטיאַבער"[2]. עס דערמאָנט זיך אַרן גורשטיינס „אַן ענטפער דריי יונגע כאַווירים", וואָס האָבן אָפּגעדרוקט אין מינסקער „אָקטיאַבער" אַן אָפענעם בריוו צו דער רעדאַקציע פונעם אלמאַנאַך „סאָוועטיש" דאָס איז געווען א פּראָטעסט — לעמיי „סאָוועטיש" האָט פאַרעפנטלעכט די לידער פון איינעם א יונגן אווטאָר. יענער יונגער אווטאָר איז שוין איצט איינער פון אונדזערע בארימטע דיכטער, און אלע ווייסן, ווי אומגעלומפּערט ס'איז געווען יענער „פּראָטעסט". נאָר גורשטיין האָט שוין דעמלט ניט געקאָנט שאָלעם מאַכן מיט אזא ווילדקייט.

[1] פון א. גורשטיינס בוך אין רוסיש „פּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם", מאָסקווע, 1941, ז. 114.
[2] א. גורשטיין. דער שעפערישער וועג פונעם דיכטער פיניבערג. זשורנאַל „קראַסנאַיא נאָוו", נומ. 11 פון 1935.

„ס'איז געקומען אין אונדזער סאָוועטישער דיכטונג אַן אָנהייבער א דיכטער... מיט טאַלאַנט און מיט באַגאַבונג. וואָס דאַרף מען נאָך טאָן, אויב ניט פרייען זיך? קומען דרײַ יונגע כאַווערים און „פּראָטעס־טירן" אַף א קאָלעקטיוון אויפן: סטײַטש, מע דרוקט אזא דיכטער און מע לויבט אים נאָך דערצו! די גאַנצע מײַסע מאכט א מאָדנעם און זייער פריקרען אײַנדרוק. וואָס איז עס? אַן עפנטלעכע מאַניפעסטאַציע פון ליטעראַרישער געשמאַקלאָזיקײַט אָדער פּאָשעט ניט־פאַרגינערײַ?"[1]

ארן גורשטיין איז געווען דאָס געוויסן פון אונדזער קריטיק.

אין גורשטיינס צײַטן האָט די ליטעראַטור ארויסגערוקט ערנסטע און באַגאַבטע קריטיקער. עס זײַנען אָבער אויך געווען קריטיקער פון ווולגאַר־סאָציאָלאָגישן שניט, קריטיקער, וואָס פלעגן ארויסזאָגן „בויך־סוואָרעס", צוטשעפּען „יאַרליקעס", געווען איז אויך „דובינקע"־קריטיק.

אין יענע יאָרן האָט גורשטיינס סטיל אויסגעזען טרוקן, געווען ניט פון די „מאָדנע" סטילן. אָבער א מערקווירדיקע זאַך: די ווערק, וואָס זײַנען געשריבן אין מאָדנעם סטיל, איז שוין הײַנט שווער צו לייענען, און גורשטיינס ווערק זײַנען ניט פאַרעלטערט.

ארן גורשטיין האָט געשריבן ניט פאַרשטעלט, אָן איבעריקע מע־טאַפאָרעס און אָן פילפּונקטן און אויסרופצייכנס. ער איז געווען גע־צוימט. ער האָט געקאָנט זײַן פּאָלעמיש־קעמפעריש.

ביין, זײַן קריטיק איז ניט קיין טרוקענע. זי איז אקאַדעמיש, אָבער אויך פּובליציסטיש. און אז מע דאַרף — איז זי שאַרף. ס'איז איר ניט פרעמד אויך הומאָר.

איך געדענק נאָך ביז הײַנט, ווי ער פלעגט איידל ארײַנזאָגן די סאמע „פּאָרנעמסטע" אווטאָריטעטן. איינעם א קריטיקער, וואָס האָט זיך אויסשליסלעך אָפּגעגעבן מיט הוילער טעאָריע און קיין שום אינטע־רעס ניט ארויסגעוויזן צו דער קאָנקרעטער לעבעדיקער ליטעראַטור, האָט גורשטיין דערמאָנט די ווערטער פון געטעס מעפיסטאָפעל: „די טעאָריע, מײַן פרײַנט, איז גרוי, אייביק גרין איז דער בוים פון לעבן"... אַן אנדער קריטיקער האָט געפּרוּווט דערווײַזן, אז די טראַגע־דיע און דער הומאָר האָבן ניט קיין בארעכטיקונג אין דער סאָוועטי־

---

[1] אלמאַנאַך „סאָוועטיש", נומ. 9—10 פון 1939.

שער ליטעראַטור. „אַזוי ווי אפּצולאַכעס וואָלטערן, — האָט דערוף געענטפערט גורשטיין, — וואָס האָט געזאָגט, אַז אַלע זשאַנרען זײַנען גוט, כוץ דעם לאַנגווײַליקן, לאָזט דער קריטיקער איבער פאַר דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור בלויז דעם לאַנגווײַל...“

ער האָט איראָניזירט איבער די „אומגעדולדיקע ליטעראַטור־קענער“, וואָס האָבן אַ שוואַכקײַט צו „אַלטגעבאַקענע סכעמעס“. אַליין איז ער געווען דער סאַמע געדולדיקער ליטעראַטור־קענער, ער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן קיין פּאַרטיקע סכעמעס. זיך ניט געײַלט מיט אויספירן, פאַרשטאַנען, אַז די ליטעראַטור־דערשײַנונג איז ניט עפּעס אַזוינס, וואָס מע קאָן מעסטן מיט מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקײַט, אַז ס'לאָזט זיך ניט אָנעמען מיט די הענט.

גורשטיין האָט פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכע פעיִקייט זיך קאָנצענטרירן אויף די אָדער אַנדערע פראַגן. פּינקטלעכקײַט און לאָגיש־קייט פון געדאַנק, אָביעקטיווקײַט און אינטעלעקטועלע ערלעכקײַט, ווידערשטאַנד צו דאָגמאַטיק — אָט די אייגנשאַפטן פון דענקען האָט ער דעראָבערט אין פּראָצעס פון אומדערמידלעכער אַרבעט.

...און אָט איז איינע פון גורשטיינס ראַנד־באַמערקונגען אויף שוואַרצמאַנס בוך (אַנטקעגן דער באַרימטער ליד „דער סוינע בא די טויערן“): „די שורעס קלינגען ווי אַ רוף און אַ געבאָט אויף שטענדיק צו געדענקען“.

ריווקע רובין האָט אַמאָל פאַרצייכנט אַזאַ עפּיזאָד: „23 יוני 1941. פאַרטונקלטע מאָסקווער גאַסן, קוים באַלויכטענע מיט בלויער ליכט. איך אײַל צו גורשטיינען. איך טרעף אים צוזאַמען מיט זײַן פרוי באַם טויער פון זײַן דירע. ביידע שלעפּן זיי עמערס זאַמד, קעדיי צו באַ־שיצן דאָס גרויסע פאָלבאַוווינטע הויז פון מעגלעכע סרייפעס. „קומט אַרײַן אין שטוב“, — גיט צו מיר אַ זאָג גורשטיין, און כאָטש זײַן אָטעם איז שווער און אָפּגעהאַקט, לאָזט ער דאָך ניט אַרויס די פולע עמערס זאַמד פון די הענט. מיר איז געווען מאָדנע צו זען גורשטיינען בא שווערער פיזישער אַרבעט. גורשטיין איז אָבער אין יענע טעג געווען גאָר אַן אַנדערער. עפּעס האָט ער אויסגעזען ווי ניט הי. און דאָ דערמאָן איך זיך מייער ווינערס ווערטער, אַרויסגעזאָגטע מיט דער כאַראַקטעריסטישער פאַר ווינערן אימפּולסיווקײַט: „איר ווייסט, אַז גור־

שטיין איז אין די יאָרן פון בירגערקריג געווען א פרײַוויליקער קעמפער אין דער רויטער ארמיי? איר קענט ניט גורשטיינען"[1].

אינגיכן איז ארן גורשטיין צוזאמען מיט מייער ווינערן פרײַוויליק אוועק אין דער „אָפּאָלטשעניע".

פון די ייִדישע שרײַבער האָט זיי דאָס לעצטע מאָל געזען ארן קושניראָוו — הינטער מאָסקווע, סאָף סענטיאבער. „גורשטיינען איז געווען פיזיש שווער אריבערטראָגן דאָס קאָמפּליצירטע פראָנט-לעבן. ער האָט אָבער געפונען אין זיך א מערקווירדיקן קויעך בײַצוקומען די שווערקייטן און האָט מיט זײַן בײַשפּיל צוגעגעבן מוט אנדערע".

אין הארבסט 1941 איז גורשטיין געפאלן אין די שלאכטן פאר מאָסקווע.

יאשע בראָנשטיין

ניט צופעליק האָט דער יונגער יאשע בראָנשטיין, וואָס איז אזוי שטורמיש ארײַן אין דער קריטיק, אויסגעקליבן אלס טעמע פון זײַן דיסערטאציע די שאפונג פון אווראָם-אורי קאָוונערן — דעם „ייִדישן פּיסארעוו".

בראָנשטיין האָט אויך, ווי קאָוונער, פארמאָגט א נאטור פון א „צוימען-ברעכער". נאָך אין דער קינדהײַט, אין 1912 — 1913, אין עלטער פון 15 — 16 יאָר האָט ער צוזאמען מיט כאווירים ארויסגע-געבן אין דער בעלסקער שול א געשריבענעם פון דער האנט זשורנאל „באפרײַונג", אין 1919 יאָר גייט ער פרײַוויליק אוועק אין דער רויטער ארמיי, אין פײַער פון בירגערקריג. נאָכדעם קומען די יאָרן, ווען „אין ארבפאקן, אין פארטיי-שול, אין קאָמוניסטישע אוניווערסיטעטן בײַסן מיר, — ווי ער שרײַבט אינעם ארטיקל „וועגן זיך און אזוינע ווי איך", — דעם פעלדז פון ווויסנשאפט מיט יונגע פאראקשנטע ציינער". ענדלעך

[1] צײַטונג „איינִיקײַט" פון 17 נאָיאבער 1946.

דערזעען מיר אים אזא, ווי ער וועט שוין אף שטענדיק פארבלייבן אין אונדזער זיקאָרן, — א קאָמוניסט, א פײַערדיקער רעדנער און שרײַבער, א ליטעראַטור-קענער און קריטיקער, א פּראָפעסאָר פון מינסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, א מיטגליד-קאָרעספּאָנדענט פון דער ווײַס-רוסישער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע.

שטודירנדיק די געשיכטע פון דער קונסט-קריטיק, האָט בראָנשטיין דערזען, ווי „אָפט פלעגן אין אירע פולווער-קעלערן געצונדן ווערן בונטאַרישע קנויטן". אין שײַן פון אָט די „בונטאַרישע קנויטן" האָט ער אויך דערזען אווראָם-אורי קאָוונערן.

ביז בראָנשטיינען איז קאָוונערס לעבנס-געשיכטע געווען קימאט בלויז א סענסאַציע-טעמע. בראָנשטיינען האָט געעגט דאָס געשטאַלט פונעם „ייִדישן פּיסאַרעוו". ער האָט אין קאָוונערס ביאָגראַפיע דערזען די טיפּישע שטריכן פונעם „ערשטן ייִדישן ראַזנאָטשינעץ", און וואָס איז באַזונדערס וויכטיק — ער האָט דערזען אין קאָוונערן אן אומבאַשאָלעמדיקן קעמפער קעגן אידייעלאָזיקייט אין דער ליטעראַטור.

אָפּוואַרפנדיק בא קאָוונערן די עקסטרעמע אופאַסונג פון שרײַבער אלס „מײַסטערס פון וואָרט-אַרבעט", וואָס שאַפן לידער לויט „א פּלאַן" און לויט „א באַשטעלונג", שעצט אָבער בראָנשטיין קאָוונערס ליטעראַרישע אָנשויונגען, ווען ער לאַכט אויס די „זינגער פונעם פאַרליבטן נאַכטיגאַל", וועלכע שרײַבן „לידער צוליב לידער", לייגנדיק זייער זעלטן „אכט אף אידיי פון דער ליד". ער שעצט קאָוונערס פּאָדערונג, אז די ליטעראַטור זאָל זײַן „א שול פון לעבן", קאָוונערס שאַרפע קריטיק פון דער בורזשואַזער האַסקאָלע-סכאָלאַסטיק, זײַן דעמאָקראַטיזם, געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט, זײַן מעכטיקן „צולאָכעס", מיט וועלכן ער שטעלט זיך קעגן די העברעישע „מעליצע-קנאַקער" און „קאַסרילעווקער עסטעטן".

בראָנשטיינס אַרבעט וועגן קאָוונערן האָט פאַרטיפערט אונדזער פאָרשטעלונג וועגן דער דעמאָקראַטישער טראַדיציע אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון די 60-ער יאָרן. קאָוונער האָט ניט „אַרײַנגעשלעפּט פאַר די האָר" דעם ניהיליזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור. בראָנשטיין האָט באַוויזן, ווי דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישער אופברויז אין רוסלאַנד האָט דיפערענצירט אויך די רייען פון דער ייִדישער האַסקאָלע.

נאָך בראַנשטיינס ארבעט וועגן קאָוונערן האָט די ליטעראַטור שוין אנדערש געקוקט אף א ריי ליטעראַטור-היסטאָרישע פאַקטן פון די 60-ער יאָרן. מייער ווינער פאַרצייכנט אין זײַן בוך „צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין XIX יאָרהונדערט", אז „קאָוונער, אן אָנהעגער פיסאַרעווס, האָט דאָ מיט זײַן שאַרפער קריטיק מענדעלען א סאַך געהאָלפן. ער האָט מענדעלען געהאָלפן אוועקגיין פון די אבסטראַקטע אידעאַלן — צו די פּאָלקסמאַסן, צו זייער לעבן און זייערע נויטן, צום לעבעדיקן לעבן".

בראַנשטיין וואָלט געוויס נאָך א סאַך געקאָנט אופטאָן אין געביט פון פאָרשן די ייִדישע ליטעראַטור פון פאָריקן יאָרהונדערט, נאָר ער האָט זיך מער צו דער ליטעראַרישער פאַרגאַנגענהײַט ניט אומגעקערט. זײַן אינטערעס איז דורכויס געווען געווענדט צו דער היַנטצײַטיקער ליטעראַטור.

נאָך דער ארבעט וועגן קאָוונערן, וואָס בראַנשטיין האָט פאַרעפנטלעכט אין מאַרט 1930, דערשײַנט דער בוך „אַטאַקע", אין וועלכן ס'זײַנען אופגעזאַמלט זײַנע ליטעראַריש-קריטישע ארטיקלען פון 1925 — 1930. די דאָזיקע ארטיקלען האָט בראַנשטיין געשריבן „אין ברען פון טאָגטעגלעכע שטרײַטן". קעדיי צו באַגרײַפן די „טעמפּעראַטור" און דעם „טאָן" פון אָט דעם בוך, איז נייטיק זיך באַקאַנען מיט דער דעמאָלטיקער ליטעראַרישער אַטמאָספער.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור-קריטיק זײַנען דאַן אונטערגעפירט געוואָרן סאַכאַקלען פון די הייסע דיסקוסיעס ארום אונדזער „ליטעראַרישן ייִכעס" — די ערשטע ייִדישע רעוואָליוציאָנערע דיכטער ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָוושאָווער. די פאַלאַנגע יונגע ייִדישע ליטעראַטור-קריטיקער, וואָס איינער פון אירע טאַלאַנטפולסטע פאָרשטייער איז געווען בראַנשטיין, שטייט פעסט אף די פּאָזיציעס פון דער מאַרקסיסטישער מעטאָדאָלאָגיע. דער פאָרמאַליזם האָט אלץ מער אָפּגעגעבן זײַנע פּאָזיציעס. נאָר ווען-ניט-ווען האָבן זיך נאָך אין דער קריטיק געלאָזט הערן פאָרמאַליסטישע רעצידיוון. בראַנשטיין קריטיקירט או. פינקלס פאָרמאַליסטישע ארטיקלען.

אין צענטער פון די ליטעראַרישע שטרײַטן זײַנען אופגעקומען נײַע פּראָבלעמען פון דער מאַרקסיסטיש-לענינישער ליטעראַטור-מעטאָדאָלאָגיע אין זייער קאָנקרעטער אָנווענדונג. עס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט

די דיסקוסיע וועגן פסיכאָלאָגיזם און סכעמאַטיזם, וועגן דיאַלעקטיש-מאַטעריאַליסטישן שעפערישן מעטאָד אאוו.

דעמלט האָבן אָט די פּראָבלעמען אַרויסגערופן א סאך ליידנשאַפט סיי באַם שרייבער, סיי באַם קריטיקער.

אַרן קושניראָוו האָט אין אָנהייב דרייסיקער יאָרן דערמאָנט אין א ליד:

עס רוישן נאָך די שלאַכטן
אַף אונדזער ליטפּלאַנעטע,
נאָר צייט איז אויך באַטראַכטן
דעם שעפערישן מעטאָד.

איציק פעפער האָט געפאָדערט פון דער קריטיק, זי זאָל זיין די „ערשטע ראַזוועדקע" אַפן ליטעראַרישן פראָנט.

אָט דעמלט איז בראָנשטיין אַרויס אין „אַטאַקע" — קעגן פאָרמאַליזם, אַבסטראַקטער קונסט, „ליטעראַרישע גענעראַלן" און אַמאָל אויך... קעגן פּוסטע ווינטמילן...

יאָ, זיין קריטיק האָט באַ אַלע אירע מייַלעס געהאַט „שפּרענקעלער", נאָר דאָס האָט ניט קיין שייכעס צו דעם „שלעכטן שעם", וועלכן ער האָט געהאַט אין „אייניקע קרייזן" פון אונדזער ליטעראַטור. אין די ברייטע ליטעראַרישע קרייזן האָט בראָנשטיין באַקומען א גוטן שעם פון א באַגאַבטן סאָוועטישן קריטיקער.

וועגן מאַרקס' אָנשויונגען אין פראַגן פון ליטעראַטור און קונסט האָט בראָנשטיין אָנגעשריבן א ספּעציעלע אַרבעט. אין פּלעכאַנאָווס אַרבעטן וועגן ליטעראַטור האָט ער זיך געפילט, „ווי באַ זיך אין דער היים" (אין די צוואַנציקער יאָרן איז בראָנשטיין געווען אונטערן איינפלוס פון דער „פּלעכאַנאָווישער אָרטאָדאָקסיע". שפּעטער הייבט ער זיך אָן באַציִען צו איר קריטיש). אַלס קריטיקער האָט ער צוגעצויגן דעם לייענער מיט זיין אייגנאַרטיקן פּאָלעמישן סטיל. זיינע אַרבעטן צייכענען זיך אויס מיט זייער שאַרפזין מיטן בילדעריש-פּובליציסטישן עלעמענט, מיט געפליגלטע אויסדרוקן, גענומענע פון שפּראַך-פאַרקער, מיט וואָרט-קאַלאַמבורן, קולטור-אַסאָציאַציעס.

אָבער שוין דעמלט איז אין זיין טאָן אויך געווען אַזוינס, וואָס האָט אַרויסגערופן דערווידערונג. פּאָלעמיזירנדיק מיט איין קריטיקער, האָט ער אָפט זיך ניט געקאָנט באַגיין אָן א „שטויס אין דער זייט"

דעם אנדערן. ניט שטענדיק באגרינדעט איז געווען זײַן קריטישע שטעלונג צו י. דאָברושינען. אומזיסט האָט בראַנשטיין, ליטוואקאָווס שילער, פאָרגעוואָרפן זײַן לערער, אז ער „זיצט קלוימערשט אין אן אריסטאָקראַטיש-טאַלמידכאָכעמישן איבער-שטיבל און ווארט, ביז עס וועט פארטיק ווערן אן „עכטע", ניט קיין „געמאכטע" ליטעראטור". ליטוואקאָוו האָט געלערנט בראַנשטיינען, ווי מע דארף בויען אן עמעסע ליטעראטור. ער האָט אים אָנגעוויזן אף דער אומדערלאָזבארקײַט זיך באניצן מיט „שרעק-ווערטער" אָן אן „ערנסטן גרונט קעגן כאווײרים, וועלכע ארבעטן מיט אונדז צוזאמען מיט פולער איבערגעגעבנקײַט".

בראַנשטיין האָט זיך פיל פארנומען מיט סטיל-פראגן פון דער נאָכאָקטיאבערישער יידישער ליטעראטור. אין די צוואנציקער יאָרן האָט ער פארעפנטלעכט דרײַ ארבעטן: „דער סטילן-קאמף אינעם פעריאָד פון מיליטערישן קאָמוניזם", „סטיל-זוכענישן" און „אף די וועגן צו דער פראָלעטארישער ליטעראטור (עטאפן)".

צום אנאליז פון סטילן-קאמף אין אונדזער ליטעראטור אין די יאָרן 1917 — 1921 באמיט ער זיך צוציען א גרויסן מאטעריאל פון די דעמלטיקע יידישע צײַטונגען, זשורנאלן, איינמאָליקע אויסגאבעס. שטודירנדיק „די ערשטע אופבליצן פון סטיל-בונטן" און אופכאפנדיק די „מינדסטע רעוואָליוציאָנערע סטיל-דעמאָנסטראציע אין דער טראנספאָרמאציע פון זשאנרען, מאָטיוון, געשטאלטן, סטיליסטיק", פרוווט ער פעסטשטעלן די פעדעם, וואָס פארבינדן די יידישע פראָלעטארישע ליטעראטור אין פעריאָד פון מיליטערישן קאָמוניזם, פון איין זײַט, מיט דער עלטערער יידישער פראָלעטארישער ליטעראטור פון די 80-ער און 90-ער יאָרן, פון דער צווייטער זײַט: אינטערעסאנט זײַנען בראַנשטיינס באאָבאכטונגען, וויאזוי דער טראדיציאָנעל-באָוושאָווערישער געוויכער-פייזאזש ווערט איבערגעפלאָכטן מיט נײַעם לירישן פייזאזש, וואָס שפילט אזא ראָליע אין כאריקס און פעפערס לידער וועגן בירגערקריג.

אינטערעסאנט איז בראַנשטיינס פעסטשטעלונג, אז דער גאָר יונגער זעליק אקסעלראָד איז טרײַ דער באָוושאָווער-טראדיציע, ווען ער גייט ארויס אין א „טיטאנישן געוועט מיט גאָט" (צוזאמען מיט אקסעלראָדן „שטורעמט דעם הימל" אויך כאריק אף די זײַטן פון „וועקער" אין 1921).

צו אָט דער טראַדיציע פאַרעכנט בראָנשטיין אויך די „פּאָעזיע" פון פּיל שוואכע דיכטער, וואָס זײַנען, אזוי צו זאָגן, טרײַ געבליבן דעם גראַם „פאָן" — „רעוואָליוציאָן". „פאָן — רעוואָליוציאָן, — האָט געשריבן בראָנשטיין, — אזוי האָט זיך אויך געגראַמט אין לעבן". די דעקלאַראַטיווע דיכטערישע פּרימיטיווקייט איז געווען, לויט זײַן מיינונג, באַדינגט מיט „אָביעקטיווע סאָציאַלע סיבעס".

דער גראַם „פאָן" — „רעוואָליוציאָן" איז אָבער אָפּטמאָל געקומען ניט אזוי פון די „אָביעקטיווע סאָציאַלע סיבעס", ווי פון... דיכטערישער אומבאַהאָלפנקייט.

אינגיכן האָט בראָנשטיין אליין זיך איבערצײַגט דערין. די ייִדישע סאָוועטישע פּאָעזיע איז אוועק אזוי ווײַט אין איר אַנטוויקלונג, אז ס'האָט ניט געהאַט קיין שום זין צו אַרויסווײַזן פּאַטאָס פאַרן פּרימיטיוו.

אין זײַנע אַרטיקלען „סטיל-זוכענישן" און „אויף די וועגן צו דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור (עטאַפּן)" פּרוּווט זיך בראָנשטיין אויפדעקן די נאָוואַטאָרישע קוואַליטעט פון דער ייִדישער סאָוועטישער, ליטעראַטור, וואָס איז „א נײַע ליטעראַטור, מיט נײַע אָרגאַניזיר-פּרינציפּן, מיט א נײַער פּסיכאָ-אידעאָלאָגישער ציל-אײַנשטעלונג, מיט נײַע פאָרם-געזעצן — האַקלאַל, מיט א נײַעם סטיל".

די פּראָבלעם פון ליטעראַרישער טראַדיציע ווערט איצט אויפגעפאַסט דורך בראָנשטיינען ניט גראָדליניק. ער זעט אויך דעם „צינש", וואָס די יונגע נאָכאָקטיאַבערדיקע ייִדישע (און ניט נאָר ייִדישע) פּראָזע האָט די ערשטע יאָרן געצאָלט דער אַלטער „דינאַסטיע פון ליריק": לירישער כאַאָס פון קאָמפּאָזיציע, אָפּוועזנהייט פון לעבעדיק-דיאַלאָגישער אינטאָנאַציע, איבערפלוס פון באַשרײַבערישע סטאַטישע מאָטיוון אָנשטאָט דינאַמיש-פאַבולדיקער האַנדלונג אאַוו.

ריידנדיק וועגן די סטיל-זוכענישן און טענדענצן אין דער אַנטוויקלונג פון דער יונגער סאָוועטישער פּראָזע, וואָס רײַסט זיך פון טעמאַטישקייט צו פּסיכאָלאָגישער פאַרטיפטקייט, ווײַזט בראָנשטיין אָן אויפן דראַנג פון א ריי נאָכאָקטיאַבערישע ייִדישע פּראָזאַיקער צו בערגעלסאָנען, צו זײַן אייגנאַרטיקער קינסטלערישער דעטאַל און שפּראַך-מײַסטערשאַפט.

אין יענע יאָרן, ווען בראָנשטיין האָט געשריבן זײַנע אַרטיקלען, האָט זיך נאָך געלאָזט הערן די קאָנסערוואַטיווע טײַנע, אז פאַר ברײַ-

מער קינסטלערישער אָפּשפּיגלונג איז נאָך דאָס לעבן דערווײַל רוי, מע דאַרף צוזוואַרטן, ביז דאָס לעבן וועט זיך „אָפּזעצן". די אומבאַגרינדעטקייט פון אָט דער דיסטאַנץ-טעאָריע האָט בראַנשטיין באַוויזן מיט קאָנקרעטע בײַשפּילן פון דער ליטעראַטור גופא. כאַראַקטעריסטיש אין דעם צוזאַמענהאַנג איז כאַריקס דראַנג גראָד נאָך „רויערד, נאָך רוי-לעבן", פון וועלכן ס'הערט זיך דער „אויסגעשריי פון וואַקסן".

פאַר בראַנשטיינען איז „מיט לײַב און לעבן" געווען ניט בלויז א נאָמען פון א פּאָעמע, נאָר א נײַער באַגריף אין דער ליטעראַטור. אין כאַריקס פּאָעמע האָט ער דערזען, ווי די פּאָעטישע שורע האָט באַקומען „לײַב און לעבן" און „אַן אָטעם געטאָן מיט סאָציאַלער לײַדנשאַפט". „מיט סאָציאַלער לײַדנשאַפט — סאַראַ וויכטיקער געווינס ס'איז פאַר א ליטעראַטור!" — שרײַט אויס דער קריטיקער.

בראַנשטיינס שענסטע אַרבעטן זײַנען געווידמעט כאַריקן. ער לאָזט ניט אַרויס פון אויג יעדן טראָט פון איזי כאַריקס גאַנג „אַף דער ערד", זײַנע „קײַלעכדיקע וואָכן". ער פאָרשט נאָך דעם וועג פון כאַריקס ליַרישן העלד, אָנגעהויבן פון יענער „געהיימניספולער" פיגור, וואָס שלײַכט זיך דורך נאַכט איבער די געסלעך פון שטעטל, ווי א „פרעמדער גאַסט", ביז זײַן אומקערן זיך „צוריק אַהיים"; פון די מאָטיוון „זאָל ברענען" ביז צו די לירישע דערמאָנונגען פון שטעטלשן „קינדערשן אַמאָל", ביז צו די טרוימען אָנצוטאָן דאָס שטעטעלע אין „שטיין און שטאָל" — ביז צו די „לופטיקע הימלען, צעוויקלטע, קלאָרע".

בראַנשטיין האָט געגעבן אַן אינטערעסאַנטן אַנאַליז פון כאַריקס פּאָעטישער פאָרם, פון זײַן אייגנאַרטיקער ריטמישער קלאַוויאַטור, פון זײַן פּייזאַזש, פאָלקסטימלעכקײַט, סטיליזאַציע. בראַנשטיינס אַרטיקלען וועגן כאַריקס פּאָעזיע זײַנען אַליין פּאָעטישע ווערק.

אין דער צײַט, ווען אייניקע קריטיקער האָבן, ווי קינדער אַף דער שול-באַנק, זיך פאַרנומען מיט ציילן בא דיכטער די עפּיטעטן און מעטאַפאָרן, די ווײַבלעכע און מענלעכע גראַמען, זאָגט בראַנשטיין אַרויס דעם וויכטיקן געדאַנק וועגן איינעם פון די הויפּט-קריטעריען פון דיכטערישן שאַפן: „דאָס באַוווסטזײַן פון דער דיכטערישער אינדיווידואַליטעט, איר קולטור-הייך, — דאָס וועט מוזן ווערן איינעם נאָענטסטן פאַריאָד דער קריטעריע פאַרן וווּקס פון אונדזער ליריק".

אין פּאָעזיע זוכט בראַנשטיין קוידעמקאָל וועלט-אָנשויונג און

וועלט-אופֿפֿאַסונג, רײַכע דיכטערישע אינדיווידואַליטעט.

אַזאַ דיכטערישע אינדיווידואַליטעט, האַלט בראַנשטיין, איז אַרן קושניראָוו. זײַן „ברויזיקע רו" איז אַ „סינטעז פֿון דער צײַט". אַוואַדע פֿאַרדינען זײַנע גראַמען אויפֿמערקזאַמקייט („אַף קושניראָווס נײַע גראַפֿיען מען האָט זיך געלערנט אַ גאַנצער דאָר יונגע ייִדישע פּאָעטן"), נאָר קושניראָווס מײַסטערשאַפֿט, ווי די מײַסטערשאַפֿט פֿון אַלע אונדזערע באַדײַטנדיקע דיכטער, דאַרף מען ניט שאַצן בלויז לויט די קלאָלים פֿון דער פֿאָרמעלער פּאָעטיק. אָן הויכער אידייִשקייט וואָלט קושניראָוו נישט בלויז ניט „בײַגעקומען דעם רויש פֿון האַרבסטיקן געבלעטער", נאָר אויך דעם שטאַמפּ פֿון „איבערזאָגן שוין געזאָגטע ווערטער". קושניראָוו האָט געשאַפֿן אין אונדזער דיכטונג אַן אַטמאָספֿער פֿון געצוימטער לײַדנשאַפֿט, וואָס „מאַכט ניט קיין קוילעס", נאָר „האַלט אָבער פֿעסט דעם לייענער אין אירע קלעמען".

איינע פֿון די גרונט-מײַלעס פֿון בראַנשטיינס אַנאַליטישן מעטאָד באַשטייט דערין, וואָס די שאַפֿונג פֿונעם שרײַבער באַטראַכט ער פֿונעם שטאַנדפּונקט, אַף, וויפֿל פּרינציפּיעל נײַ זי איז פֿאַר דער ליטעראַטור ביכלאַל. אין „טאָג אַנטקעגן", לעמאַשל, איז ש. גאָדינער געגאַנגען נאָך דער סכעמע פֿון פּאַציפֿיסטישן מילכאָמע-ראָמאַן, נאָך דער סכעמע פֿון שילדערן די „גרויסע סטאַדע" („ניט קעפּ, ניט פּענעמער, נאָר ברעטלעך אַזעלכע"), פֿון ווײַזן דעם קאָשמאַר פֿון „ערד-וואַמפּיר". קאָשמאַר האָט פֿײַנט דעטאַלן — דאָס איז אַן אַלטער קלאַל. בראַנשטיין גיט נאָך צו: „קאָשמאַר האָט פֿײַנט אויך לאָשן, פֿאַרב". ווען גאָדינער אָבער האָט אָנגעהויבן צעווייען דעם קאָשמאַר-נעפּל פֿון זײַן סימבאָליק („איוואַנגאָראָד", „קאָמיסאַרן", „רינגען"), איז געקומען די פֿאַנאַנדערוויקלונג פֿון געשעענישן, דער שטייגער-פּייזאַזש. די שורע איז געוואָרן עפּישער, די מענטשן — ערדישער. און דאָס איז געווען אַ נײַס ניט נאָר פֿאַר גאָדינערן, נאָר אויך פֿאַר דער גאַנצער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע.

דאָס מאָנאָגראַפֿישע אַרטיקל וועגן ש. גאָדינערן געהערט צו בראַנשטיינס געלונגענע פּרוּוון צו באַטראַכטן דעם שרײַבערס אידייִש-קינסטלערישע עוואָליוציע. בראַנשטיין האָט איינער פֿון די ערשטע פֿעסטגעשטעלט, אַז גאָדינער נעמט „פּאַמעלעך, אָבער זיכער אַ נײַעם קורס: אַ קורס צום קינסטלערישן רעאַליזם, צו סאָציאַל-דיפֿערענצירטן קאָנ-

קרעט, צו פאבולרייכן, גרויסן, סינטעטישן ראָמאַן".

„יעדער פּרוּוו צו איגנאָרירן דיאַלעקטיק, — האָט געשריבן י. בראָנשטיין, — ברענגט אומפאַרמײַדלעך צו אולטרא-לינקער קוויטשערײַ". דאָס איז עמעס, און יענע ארבעטן, אין וועלכע בראָנשטיין האָט ניט איגנאָרירט די געזעצן פון דיאַלעקטיק, האָבן פאַרהיט זייער באַדײַטונג ביז איצט. דעמלט אָבער, ווען ער האָט די „דיאַלעקטיק", אליין ניט ווייסנדיק דערפון, צוגעטראַכט צוליב סאָציאָלאָגישע סכעמעס, — דעמלט איז ער אויך ניט געווען פרײַ פון „אולטרא-לינקער קוויטשערײַ".

עס דערמאָנען זיך א פּאָר שוין לאַנג אָפּגערווישטע ארטיקלען בראָנשטיינס — איינס וועגן בערגעלסאָנען, דאָס אנדערע וועגן אָרלאַנדן.

בערגעלסאָנס „מידאס האדין" לייענען מיר ביז איצט מיטן גרעסטן אינטערעס. בראָנשטיין אָבער באהאַנדלט עס אַף אזא אויפן: רײַסט אראָפּ פון פּיליפּאָוון דעם שינעל און שלעפּט אים אראָפּ פון פערד — און „פּאַר איײַערע אויגן בלײַבט שטיין א כאַים-מוישע פון „אָפּגאַנג". און וואָס דערוויסן מיר זיך וועגן סאָפיע פּאָקראָווסקע — דער אָנפירערן פון עסעריש-באַנדיטישע אופשטאַנדן, אכוץ דעם, אז זי „הינקט אונטער, ווי א ווײַבל אין קליין-טראָגן"? וואָס ווייסן מיר וועגן דער „בלאָנדער" — דער ווײַסגוואַרדייישער קורירערשע, אכוץ דעם, אז זי איז „א שטיק זאָכערטע"? „בערגעלסאָן קרעכצט אונטער דער לאַסט פון זײַן גרויסער יערושע", — מאַכט דער קריטיקער אַן אויספיר; א סימען האָט איר, אז אין „מידאס האדין" האָט בערגעלסאָן „פאַרבערגעלסאָנעוועט" די רעוואָליוציע...

אָרלאַנדס „הרעבליעס" איז מיט באַגײַסטערונג אופגענומען געוואָרן אין אונדזער ליטעראַטור. אויך בראָנשטיין האָט זיך ווארעם אָפּגערופן וועגן די ערשטע קאַפּיטלען, ווי נאָר זיי האָבן זיך באַוויזן אין דער „רויטער וועלט". פּאַר אַלעמען איז קלאָר געווען, אז אין דער פּראָזע איז געקומען א זאַפטיקער פּראָזאַיקער. אויך בראָנשטיין איז געווען איבערצײַגט, אז אָט דאָס ווערק וועט אָן שום סאָפּעק זײַן אין אונדזער פּראָזע „א וויכטיקער מערקצייכן אַפן וועג צו ווײַטערדיקן קינסטלערישן ווּקס".

נאָר אָט זײַנען דערשינען אָרלאַנדס „הרעבליעס" אין א בוך-פאָרם, און דאָס ווערק איז געוואָרן אַן אָביעקט פון סטילן-קאַמף, וואָס

איז די „אקס, — ווי עס דריקט זיך אויס בראָנשטיין, — אף וועלכער ס'דרייט זיך די געשיכטע פון יעדער ליטעראטור".

ארום אָט דער אקס האָבן זיך דעמלט ניט אינגאנצן געלונגענע געדרייט אייניקע קריטיקער... אין כארקאָווער „שטערן" פרווט א. דאמעסעק אופדעקן די „ראָמאנטיש-קליינבירגערלעכע פרוזשינעס" פון אָרלאנדס עקזאָטישער ליבע צו מארקאָ. כ. דונעץ קאָנסטאטירט, אז די „באהעפטונג צווישן מענטש און נאטור" אין אָרלאנדס „הרעבליעס" איז א קינסטלעכע, אז די נאטור-צייכענונגען בילדן „פאָעטישע אפליקאציעס".

נאָר מער פון אלע האָט זיך בראָנשטיין אוועקגעלאָזט אין „אטאקע" קעגן אָרלאנדס ראָמאנטיק — „קעגן דער ליימענער פיפקע, קעגן קראָן-קריגעלעך!" ניין, ניט דער העלד פונעם ראָמאן, דער אינזשעניער גאָרן, וואָס קומט אין א פארוואָרפענעם פארבלאָטיקטן העק אין פאָלעסיע דורכצופירן ברייטע מעליאָראטיווע ארבעטן, נאָר דער ליטעראטור-קריטיקער בראָנשטיין נעמט אף זיך די „אופגאבע" צו פארניכטן די בלאָטיקע „קראָן-קריגעלעך" און מאכן א סאָף צו דער פאָלישוקישער „ליימענער פיפקע"... גאָרן, האלט בראָנשטיין, איז ניט דער, וועלכער איז „בארופן אָט די דאָזיקע דאָפלט שווערע אופגאבע צו לייזן". אין דער „אָנגעגליטער אטמאָספער פון קלאסן-שטרייטן" דערזעט בראָנשטיין, אז אָרלאנד פארנעמט זיך בלויז מיט „קאָלאָריסטישער יוועליר-שפיל", מיט „גרינעם שפין" און „בורשטינענעם פאָדעם".

בראָנשטיין האָט דערפילט דעם געוויסן פגאם, וואָס דער אימפרעסיאָניסטיש באפארבטער קאָלאָריט פארכאפט אין אָרלאנדס „הרעבליעס" צופיל סוזשעטישן שטעך און שוואכט אָפ דעם טעמפ און די אינטענסיווקייט פון דער אָנגעשטרענגטער האנדלונג; נאָר די קראפט פון „אטאקע" דערגייט אזוי ווייט, אז ס'איז קימאט ניט פארבליבן אזוינס אין אָרלאנדס ראָמאן, וואָס זאָל ארויס גאנץ פון אונטער בראָנשטיינס פען — אָנגעהויבן פון גאָרנען און געענדיקט מיט דער ראָמאנטיק פון „פאָלעסיער קישעף".

יאשע בראָנשטיין האָט געשריבן א סאך, ער איז געווען אויסערגעוויינלעך ארבעטספעיק. אלס קריטיקער איז ער אקטיוו ניט נאָר אין דער יידישער ליטעראטור. א ריי אינטערעסאנטע ארטיקלען האָט ער געווידמעט גאָרקין און מאיאקאָווסקין, פורמאנאָוון און ערענבורגן.

אין די יאָרן 1937 — 1934 אַרבעט בראָנשטיין פרוכטבאַר אין דער ווײַסרוסישער קריטיק. דעם 27 יול 1935 האָט די צײַטונג „פּראַוודאַ" אָנגעהויבן דרוקן אַ סעריע אַרבעטן וועגן די נאַציאָנאַלע שרײַבער, אָנגעזעענסטע מײַסטערס פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. דאָס ערשטע אַרטיקל איז געווען בראָנשטיינס וועגן דעם פאָלקס-שרײַבער פון ווײַסרוסלאַנד יאַנקאַ קופּאַלאַ.

אין 1937 יאָר דרוקט יאַשע בראָנשטיין אָפּ איינע פון זײַנע לעצטע אַרבעטן „פּושקין און די ווײַסרוסישע ליטעראַטור".

בראָנשטיינס אַרבעט אין געביט פון דער ווײַסרוסישער ליטעראַטור-קריטיק איז געווען עפּשער ניט ווייניקער באַדײַטנדיק, ווי זײַן אַרבעט אין דער יידישער קריטיק. ער האָט רעאַגירט הייס און צאַפּלדיק אַף אַלץ, וואָס ס'האָט געדעגט און מיט וואָס ס'האָבן געלעבט די ווײַסרוסישע שרײַבער. אָט פאַרוואָס מע היט אַזוי זאָרגזאַם אין ווײַסרוסלאַנד זײַן אָנדענק. אין צוזאַמענהאַנג מיט בראָנשטיינס 65-טן געבורטסטאָג, וואָס איז אויסגעפאַלן אין 1963 יאָר, האָט דער פאָלקס-שרײַבער פון ווײַסרוסלאַנד מיכאַס לינקאָוו געשריבן אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ": „י. בראָנשטיין איז שוין לאַנג ניטאָ אַף דער וועלט, ער איז אומגעקומען אין פעריאָד פון פערזאָנען-קולט, ער איז אַ קאָרבן פון רעכילעס און ווילקיר. זאָלן די דאָזיקע קורצע שורעס אַרויסרופן אינעם זיקאָרן פון זײַנע פרײַנט דאָס ליכטיקע געשטאַלט זײַנס און דערמאָנען אונדז אַלעמען, אַז די בעסטע פון זײַנע ווערק דאַרפן אומגעקערט ווערן דעם הײַנטיקן לייענער".

ווען בראָנשטיין וואָלט איצט געלעבט, וואָלט ער געוויס אייניקע זײַנע אַרבעטן איבערגעשאַצט, פאַריכט. די צײַט האָט געוויסע שטאַנדפּונקטן אָפּגעפרעגט, אַנדערע, פאַרקערט — נאָך מער באַשטעטיקט. בראָנשטיין וואָלט זיך באַזונדערס געקאָנט גרויסן מיט זײַן קאַמף, וועלכן ער האָט געפירט נאָך אין די 20-ער יאָרן קעגן אַבסטראַקטציאָניזם.

איבערלייענענדיק איצט נאָכאַמאָל יאַשע בראָנשטיינס אַרבעטן, באַוווּנדערן מיר זײַנע טיפע מאַכשאָוועס וועגן די אַנטוויקלונגס-וועגן פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. אין זיי זײַנען פאַראַן פיל באַאָבאַכטונגען, טרעפלעכע אויספירן און פאַראַלגעמיינערונגען, אַזוינס, וואָס געהערט צו די „פאַרפעסטיקטע פאָזיציעס" פון אונדזער קריטיק.

מוישע נאָטאָוויטש

קריטיק און קריטיקער

מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״ 1983, 64 זײַטן
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאַקטור —
ס. טשערניאַק, יע. קאַפּלאַן
קאָרעקטאָר — ב. גערשמאַן

Моисей Нотович

КРИТИКА И КРИТИКИ

М., «Советский писатель», 1983, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 24.08.83. Подписано к печати 19.10.83.
Формат 70×108¹/₃₂. Бумага типографская № 1.
Печ. л. 2. (Условн. печ. л. 2,8). Заказ № 2366.

Редакция журнала «Советиш геймланд»
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" No. 11, 1983

© Журнал «Советиш геймланд», 1983